STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02853

ELYAH BOHER

Jacob Shatzky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר יעקב שאַצקי

אליה בחור

400 יאָר נאָך זײַן טויט

1949 — 1549

אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס

בוענאָס-איירעס 1949 ה׳תש״י

אויסגאַבעס פון אַרגענטינער אָפּטייל
פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס:

1. — „אינאײנעם" (זאַמלבוך) 264 זײַטן, 1949.
2. — „אליה בחור" פון ד"ר יעקב שאַצקי, 1949.

געגרייט צום דרוק:

לידער פון ש. קאַטשערגינסקי (מיט מוזיק).

„אינאײנעם" (זאַמלבוך), 2טער באַנד, 1950.

"ELIE BOJER"

Estudio del DR. JACOBO SHATZKY

CONFEDERACION PRO - CULTURA JUDIA

VIAMONTE 2296 **BUENOS AIRES**

פנחס האפּערן

אַ מתּנה

אינהאַלט

זײַט

ל. פײַנבערג: אליה בחור (פֿון דער פּאָעמע „ייִדיש״) — — — 7

פּראָלאָג — — — — — — — — — — — — — — — — — 9

לעבן — — — — — — — — — — — — — — — — — 13

שאפֿן — — — — — — — — — — — — — — — — — 29

בבֿא־בוך — — — — — — — — — — — — — — — — 37

פּאַריז און ווינה — — — — — — — — — — — — — 45

דרש בוך דער שונג גלוקן — — — — — — — — — — — 51

עפּילאָג — — — — — — — — — — — — — — — — — 55

ביבליאָגראַפֿיע — — — — — — — — — — — — — — — 61

רעפּראָדוקציעס

אַ בריוו פֿון אליה בחור (1543) — — — — — — — — — — — — 14

ספר התשבי (שערבלאַט) — — — — — — — — — — — — — — — 25

תהילים (שערבלאַט) — — — — — — — — — — — — — — — 35

בבֿא דאַנטונא (שערבלאַט פֿון בבֿא־בוך) — — — — — — — — — — 30

שערבלאַט פֿון בבֿא מעשה (1849) — — — — — — — — — — — — 43

אַ זײַטל פֿון פּאַריז און ווינה (וועראָנאַ 1594 — — — — — — — — — 47

פון קולטור־קאנגרעס

דער ארגענטינער אפטייל פון אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס איז צוליב פארשיידענע טעמים זייער צופרידן, וואס ער גיט ארויס די־א שטודיע פון ד"ר יעקב שאצקי. ראשית, ווייל דאס איז א בייטראג צו די פייערונגען פון 400 יאר נאך אליה בחור. והשנית, ווייל דאס איז דער רעפעראט, וואס ד"ר שאצקי האט פארגעטראגן אויף דער אקאדעמיע פון קולטור־קאנגרעס אין בוענאס־איירעס לכבוד דעם ערשטן וועלטלעכן שרייבער פון דער יידישער ליטעראטור. ועל כולם, ווייל דאס איז א ווערטפולע מאנאגראפיע, א קאלירפולער פארטרעט פון אליה בחור, וואס באריייכערט די פארשונג און די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור און קולטור.

ווען מיר האבן דורכגעפירט די אקאדעמיע „400 יאר נאך אליה בחור" — שבת דעם 6טן אויגוסט 1949 אינעם זאל פון דער בוענאס־איירעסער קהילה — האבן מיר געזוכט ארויסצוברענגען די אידייע פון פאלקס־גאנצקייט, וואס די דאזיקע דאטע סוגערירט, און די אמונה אין דער דויערהאפטיקייט פון אונדזערע קולטור־ווערטן. דאס איז געקומען צום אויסדרוק דורכן ארייגפיר־ווארט ווי דורך די שאפונגען פון ל. פיינבערג און י. אפאטאשו, אינספּירירטע פון אליה בחור.

די דאזיקע דאטע — 400 יאר נאך אליה בחור — פירט אונדז נאך א מאל און ווידער א מאל צום געדאנק, אז דער נעכטן און דער היינט פון דער יידישער ליטעראטור זיינען געקניפט און געבונדן. פונקט ווי יידיש און העברעיש זיינען געווען ביי אליה בחור געקניפט און געבונדן. פונקט ווי אלע יידישע גייסטיקע שאפונג־פראצעסן זיינען געקניפט און געבונדן מיטן אלגעמיינעם יידישן לעבן, מיטן וואנדער, מיטן געראנגל פארן מאטעריעלן און נאציאנאלן קיום.

דא זעט מען בולט דעם פאלקסבאטייט פון דער יידישער ליטעראטור, איר סאציאלע פונקציע, איר כלל־ראלע אינעם יידישן לעבן. דא ווערט פאר אלעמען בולט די לעבן־פעיקייט, די וויטאלע קראפט פון דער יידישער ווארטשאפונג.

קענען די מקוננים, וואס ווילן אונדז פארפייניקן מיט זייערע מאזאכיסטישע דיאגנאזן פון אונטערגאנג, וועלכע זיינען עלול בלויז אפצושוואכן דעם מוט פון די וואס גלייבן, שאפן און בויען, איז אליה בחור א ליכטיקער ענמפער און א באגלייבטער עדות.

האט אליהו בחור אפילו אין חלום זיך פארגעשטעלט מיט העכער פירהונדערט יאר צוריק, ערגעץ דארטן אין פאדוא צי אין רוים, אין ווענעדיק צי אין פעזארא, אין איסני צי אין ווערארא, אז אין 1949, פירהונדערט יאר נאך זיין טויט, וועט מען אין די גרעסטע יידי־

שע קהילות, ווי אין ניו־יארק און אין בוענאס־איירעס, דערמאנען: מיט יראת־הכבוד זיינע שאפונגען אין יידיש?

זעען מיר, וואס שייך יידיש און יידישער ליטעראטור, אז די ווירקלעכקייט האט געוויזן מער ווי די פאנטאזיע האט זיך געקענט אויסמאלן. ווער־זשע האט א רעכט, פנים אל פנים מיט דער דאזיקער ווירקלעכקייט, ארויסצוטראגן טויט־אורטיילן אויפן יידישן לשון און אויף דער יידישער ליטעראטור?

ד"ר יעקב שאצקים שטודיע, ווי שטרענג זי ווערט געהאלטן אין וויסנשאפטלעכע ראמען און ווי שטארק זי היט זיך אויס פון קולטורי־טישע עמאציעס, וואס יידישע מענטשן קענען פילן ביים אויפלעבן די וועלט פון אליה בחור, וועקט־אויף די דאזיקע געדאנקען און געפילן. זי באלערנט און סוגערירט. אומדירעקט איז דאס א מאניפעסטאציע פאר דער יידישער שעפערישקייט, וואס שניידט זיך דורך א וועג אין דעם ווילדוואלד פון די גרעסטע שטערונגען און שווערסטע באדינגונ־גען.

און דאס דארף אונדז אלעמען דערמוטיקן.

שמואל ראזשאנסקי

פארזיצער פון ארגענטינער אפטייל
פון אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס

בוענאס־איירעס

דעצעמבער, 1949

אליה בחור

(פון דער פּאָעמע „יִדיש")

וועגעדיק שלאָפט. פון ווינט צעפּאָכעט,
דאָס וואַסער פליעסקעט אין קאַנאַל.
בלויז איינער וואַכט — **אליה בחור**.
זײַן האַרץ — אַ בעכער פול מיט גאַל.

ער איז שוין אַלט. דער אַכטער צענדליק
ליגט, ווי אַ הויקער, אויף זײַן קאַרק.
ער קוקט צוריק — פון קינדווײַז, שטענדיק:
אַ ים מיט פּײַן און פריידן — קאַרג.

די יוגנט-טעג אין שטילן **נוישטאַט**
אין הויב אויף שטראַלנדיקע טרעפּ:
אַזויפיל האָפנונגען אַנטוישטע,
אַזויפיל טרוימען אויסגעוועפּט.

אַ לעבן צווישן וועלף און שפּערבערס,
פאַר גביר און שררה זיך געבוקט:
ווען ניט די פרײַנדשאַפט פון **וויטערבאָ**,
וואָלט אים די כנופיא לאַנג פאַרצוקט.

ער זעט אין עבר העלע פענער,
וואָס רוישיק פלאַטערן אין ווינט.
אויף העלסטער פאָן — **„פּאַריז און וויענאַ"**,
זײַן ליכטיק-אויסגעחלומט קינד.

און איבער זיי — אין בלויען היכל
אויף ווײַסע וואָלקנדלעך, ווי פּוך:
פאַר גאָט זיך בלעטערט אין די הייכן
אויף עברי-טײַטש — זײַן **„בבאָ-בוך"**.

ער שפּירט אויפסנײַ: דאָס יִדיש-לשון,
ווי האָניק, טריפט אים אויף דער צונג.
ס'איז ווערט געווען דער שטרײַט מיט רשע,
דער לעבנסוועג פון וואַגאַבונד.

די וועלט איז בייז, נאָר גאָט איז גנעדיק.
אליה הערט דעם לעצטן שאַל...
עס וועקט זיך שוין פון שלאָף ווענעדיק —
און ס'רוישט דאָס וואַסער אין קאַנאַל.

ל. פיינבערג

פּ ר אָ ל אָ ג

ווען איך וואָלט געווען ש א ג א ל, וואָלט איך אויסגעמאָלן אַ פּאָרטרעט פון א ל י ה ב ח ו ר מער אָדער ווייניקער אַזוי: אַ קליין יידל מיט אַ ציגן־בערדל, מיט אַ לצנישן מיצל אויפן קאָפּ; פון ביידע קעשענעס פון זיין בגד שטעקן אַרויס ביכער; פון איין קעשענע — אַ זוהר; פון דער צווייטער — דער „דעקאַמע־ראָן״; דער זוהר פאַרזיסט זיין גרוי לעבן; דער „דעקאַמעראָן״ מאַכט אָבער זיין לעבן אויך ניט זויער.

אַזוי שפּרייזט ער אַרום — דער מענטש פון צוויי וועלטן. זיין ייִדישקייט איז אָן יענער טיפער לייַדנשאַפט, וואָס כאַראַקטעריזירט די מקובלים פון זיין צייט. זיין הומאַניזם איז אויך אָן אינטעלעקטועלע וואָרצלען. ערגעץ ווו איז ער געבליבן שטיין על פּרשת דרכים. צו קיין ציל ניט דערגאַנגען; ממילא צו קיין שום סינטעזע ניט געקומען. די באַריר־פּונקטן מיט דעם, וואָס איז די עסענץ פון הומאַניזם, זיינען ביי אים תמיד לויזע, צופעליקע און זייטיקע. אין דעם פּרינציפּ פון דריישפּראַכיקייט — העברעיש, גריכיש און לאַטיין — וואָס איז געווען דער יסוד פון הומאַניסטי־שער בילדונג, איז אליה קודם כל אַ העברייער. דאָס איז נאַטירלעך. אָבער זיינע ידיעות אין גריכיש און לאַטיין זיינען ווייניקער ווי באַשיידענע פאַר אַ הומאַניסט. אפילו די סתירות און ווידעראַנאַנדן, וואָס מאַכן דעם הומאַניסט אַזוי מענטשלעך און אַפילו דראַמאַטיש, זיינען ביי אונדזער אליה כמעט ווי ניט בנימצא.

די פאַרשפּיצטע טעאָלאָגישע און פילאָלאָגישע חקירות און טעאָריעס מיידט ער אויס. ער פירט ניט קיין קאַמפּן פאַר עטימאָלאָגישע חידושים, מיטן איין אויס־נאָם, ווען ער קריטיקירט ד״ר ב א ל מ ע ס (ווענן וועמען עס וועט נאָך זיין אַ רייד). פילאָסאָפישע פּראָבלעמען זיינען אים פרעמד. דאָס פּראָבלעם פון דואַליזם, פון סתירה צווישן אמונה און דעת, גייט פאַר אים אומבאַמערקט פאַרביי. אין תוך געגומען שטעקט ער נאָך אַלץ אין דער וועלט פון מיטלאַלטער און קען זיך פון די אויבערגלויבנס ניט באַפרייען.

ער קען, למשל, פאַרענדיקן אַ קבלה־ספר, וואָס ער האָט קאָפּירט פאַר זיין פּאַ־טראָן, דעם קאַרדינאַל ווי ט ע ר ב אָ, בזה הלשון:

„והשלמתי הספר הקודש הזה היום יום ד׳ שהוא יום הושענאָ רבאָ ר״עז אשר ראיתי בו ראשי בצל הלבנה. ברוך ה׳ כי מובטח אני שלא אמות השנה הזאת״ (איך האָב פאַרענדיקט דעם דאָזיקן הייליקן ספר מיטוואָך דעם טאָג פון הושענאָ רבאָ 1516, ווען איך האָב דערזען מיין קאָפּ אין שאָטן פון דער לבנה. געלויבט זאָל זיין

גאַט דערפֿאַר, ווײַל איצט בין איך זיכער אַז איך וועל ניט שטאַרבן הײַנטיקס יאָר).

משמעות, אַז קאָפּירן קבלה־מאַנוסקריפּטן פֿאַר גויים איז געווען ניט נאָר אַן ענין פֿון פּרנסה. ערגעץ ווו האָט אין אים געשטעקט אַ פּרימיטיוועך מקובל, וואָס איז קיינמאָל ניט געקומען צו דער טיפֿער קאָנצעפּציע פֿון קבלה ווי אַ מעטאַפֿיזישע פֿילאָסאָפֿיע.

אויך פֿון אַ שטאָלצן הומאַניסט, פֿרײַ אין זײַן באַנעמען און דענקען, איז קיין סך אין אים ניטאָ. דער דאָזיקער דײַטשער ייִד איז געווען הכנעהדיק לגבי די גויים מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַרירונג. די איטאַליענישע ייִדן האָבן זיך גע־פֿילט אַ סך פֿרײַער אין זייער געזעלשאַפֿטלעכן קאָנטאַקט מיט די פּני פֿון דעם הומאַניזם. אפֿשר האָט דאָס אויך גורם געווען אליהס שוואַכע קענטעניש פֿון גע־רעדטן איטאַליעניש, אַ פּשיטאַ פֿון לאַטיין.

אַפֿילו לגבי זײַנע תּלמידים, וואָס האָבן אַרויפֿגעקוקט צו אים, ווי צום „פּירשט פֿון די גראַמאַטיקערס", איז אליה געווען הכנעהדיק, אַן דעם מענטשלעכן שטאָלץ, וואָס כאַראַקטעריזירט אַנדערע ייִדן, לערערס פֿון לשון־קודש אין איטאַליע.

מיט אַלע זײַנע מענטשלעכע שוואַכקײַטן און שמאָלע גײַסטיקע האָריזאָנטן איז ער אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקײַט. די גרויסע פּאָפּולאַריטעט ווי אַ מדקדק וואָס איז אַריבער שפּעטער אין ממש אַ סימבאָל פֿון אַ פּעדאַגאָג בײַ ייִדן, זײַן געוואַגטע פֿיאַנערישקײַט אין דער געשיכטע פֿון וועלטלעכן ראָמאַן און ייִדישער שפּראַך — דאָס גופֿא פֿאַרדינט אַן אַנאַליטישע אַרבעט, אין וועלכער דער טראָפּ זאָל געשטעלט ווערן אויף צײַט און סביבה. אליה בחור האָט פֿאַרמאָגט גענוג ליטעראַ־רישן פֿלייש וואָס זאָל קאָמפּענסירן מיט אַן עודף פֿאַר דעם דוחק פֿון דיכטערישן גײַסט. פֿאַרגליכן מיט אייניקע רעפּרעזענטאַנטן פֿון זײַן דור, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין דער הומאַניסטישער באַוועגונג, איז ער אין אַ סך פּרטים מער אינ־טערעסאַנט און מער אַן אויסדרוק פֿון דעם ייִדישן סעקטאָר פֿון רענעסאַנס וואָס איז געווען היסטאָריש פּערספּעקטיקט און האָט דערפֿאַר נאָר האַלבוועגס אָנגעיאָגט די רענעסאַנס־אידייען. ער שטייט אַ זײַטיקער אויף די ברייטע שליאַכן פֿון דער רענעסאַנס־תּקופֿה. ער איז ממש אַ צענטראַלע פֿיגור, וואָס שײַך דעם ייִדישן געטאָ־נוסח פֿון דער דאָזיקער גײַסטיקער רעוואָלוציע.

אין דעם גײַסט איז די דאָזיקע אַרבעט געשריבן.

לעבן



א בריוו פון אליה בחור צום בארימטן הומאניסט און ביבליאפיל יאהאן אלבערט ווידמאנשטאט.
געשריבן פון ווענעציע. פרייטיק 8 סיון 1543.

אליה אָדער אליהו הלוי אשכנזי, מער באַקאַנט ווי אליה בחור און בײַ גויים ווי אליהו לעוויטא (ד"ה הלוי) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1469, אין א דאָרף איפשהיים, וואָס בײַ דעם טײַך אייש, ניט ווײַט פון נירנבערג. זײַן פאָטער, ר' אשר הלוי, האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין דער שטאָט ניישטאַט, וווּ ער האָט פאַרנומען א חשוב אָרט אין דער הנהגה פון דער קהילה. ער ווערט, למשל, דערמאָנט ווי איינער פון די וואָס האָבן זיך מתעסק געווען מיט העלפן די פּליטים פון נירנבערגער גירוש. וואָס איז שפּעטער געשען מיט אים, ווייסט מען ניט. עס איז אָבער פאַראַן א ידיעה, אַז זײַן מוטער, וואָס האָט געהייסן העגנדלין, איז געשטאָרבן אין פראַנקפורט־אַם־מיין, אין יאָר 1492. פיר יאָר שפּעטער (1496) געפינט זיך איר מוזיניקל אליה אין איטאַליע. ווי אַזוי ער קומט אַהין — איז אויך אומבאַקאַנט. א סך דײַטשע ייִדן זײַנען דעמאָלט אַוועק קיין איטאַליע, מחמת די גירושים אויף ייִדן פון א ריי דײַטשע שטעט. עס איז אויך שווער פעסטצושטעלן אין וועלכער שטאָט ער האָט זיך באַלד באַזעצט. אליה גופא דערציילט אין זײַן „ספר הבחור" (צווייטע אויסגאַבע 1542) אַז מיט 40 יאָר צוריק האָט ער זיך באַזעצט אין ווענעדיק, ד"ה אין יאָר 1502. עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז רוים איז געווען זײַן ערשטער וווינ־אָרט. געקומען איז ער שוין א באַווײַבטער. זײַן ערשטער זון יהודה הלוי איז געבוירן געוואָרן אויף דעם איטאַליענישן באָדן, אין יאָר 1498, מסתמא אויך אין רוים. מיט יאָרן שפּעטער האָט אליהם בכור געשפּילט א געוויסע ראָלע אין דעם קהילה־לעבן פון דער „אייביקער שטאָט". פון דעם איז געדרונגען אַז אין ווענעציע האָט ער געלעבט שוין אין די יאָרן 1502 — 1504. די שטאָט האָט שוין דעמאָלט געהאַט א נישקשהדיקע קאָלאָניע פון דײַטשע ייִדן. דאָרטן האָט ער זיך פאַרנומען מיט מלמדות, געשריבן חתונה־שירים, געגראַמטע נוסחאות אויף גבירישע מצבות — הכלל: געהאַט די גוט־באַקאַנטע ייִדישע מלאכות און ווייניק פרנסה...

טרעפט א צופאַל אַז אין פּאַדוא באַזעצט זיך זײַנער א קרוב פון דײַטשלאַנד, וואָס איז געווען א קצב. געהייסן האָט ער אביגדור הלוי אשכנזי. פּאַדוא איז געווען א גרויסע ייִדישע קהילה. אין משך פון 17 יאָר איז דאָרטן גע־זעסן על כסא הרבנות דער גאון ר' יהודה בן אליעזר הלוי מינץ. ער איז אויך געווען דער ראש פון דער דאָרטיקער ישיבה. די דאָזיקע ישיבה האָט צונעצויגן תלמידים פון אַלע עקן וועלט. די זעכצן שאלות ותשובות, וואָס זײַן אייניקל ר' יוסף בן אברהם האָט אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט זײַן תלמיד

און שוואָגער דעם באַרימטן מהר״ם מפּאַדוא, זײַנען פון גרויס וויכטיקײַט פאַר דער געשיכטע פון ייִדישן לעבן אין דער דאָזיקער לומדישער שטאָט, ווו ייִדן האָבן אַפילו געקענט פרײַ שטודירן מעדיצין. אביגדור דער קצב האָט משמעות אויסגערעכנט, אַז אין אַזאַ ייִדישן כרך וועט זײַן קרוב אָנקומען גרינגער צו האָבן פּרנסה. מען האָט אים מסתמא ניט געהאַלטן פאַר אַזאַ פרומען, אַז ער זאָל קענען לערנען אין דער ישיבה. בעלנים אויף לערנען דקדוק האָבן אין אַזאַ פרומער שטאָט ניט געקענט זײַן צופיל. האָט דאָך דער פּאַדואַנער רב און ראש הישיבה געפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן ר׳ אליה דעלמעדיגאָ פאַר זײַן פאַרטיידיקן געזעלשאַפטלעכע ווויסנשאַפטן.

אין פּאַדוא האָט אליה אָנגעשריבן דאָס „בבא־בוך״, וואָס האָט זוכה געווען צו דערזען די ליכטיקע וועלט ערשט אין יאָר 1541. אין 1509 ברעכט אויס אין פּאַ־דוא אַן עפּידעמיע באַגלייט מיט אַ חורבן פון דער שטאָט, וואָס איז געווען אַ רע־זולטאַט פון דער אָקופּאַציע פון דער שטאָט דורך די ווענעציאַנישע חיילות. אין יענעם יאָר איז דער פּאַדואַנער רב געשטאָרבן. זײַנע כתבי־יד און אויך דער אַרכיוו פון דער פּאַדואַנער קהילה — זײַנען פאַרברענט געוואָרן.

אליה אַנטלויפט צוריק קיין ווענעדיק. אין דעם חורבן האָט ער אויך פאַרלאָרן אַ טייל פון זײַנע מאַנוסקריפּטן. אין ווענעדיק איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַ צײַט פון לײַדנשאַפטלעכע קהילה־רײַסערײַען און צום אומגליק איז אין דער שטאָט אויסגע־בראָכן אַ שריפה. וועגן אָט דער דאָזיקער שריפה האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד אויף ייִדיש, „איין ליד בניגון צור משלו אכלנו״. דאָס איז אַ מין געגראַמטער רעפּאָר־טאַזש וועגן דער שריפה און אויך אַ בײַסיקער פּאַשקוויל אויף די קהל־פירערס פון ווענעדיק וואָס האָבן געטריבן פּאָליטיק בײַם העלפן די קרבנות פון דער שריפה. ווײַזט אויס, אַז אים איז אויסגעקומען אויסצושטיין אַ סך צרות פון די דאָרטיקע רעדל־פירערס און דאָס ברענגט ער טאַקע אַרויס אין דעם דאָזיקן ליד, וואָס האָט נאָר אַ קולטור־היסטאָרישן און אַ ביאָגראַפישן ווערט.

קלאָר, אַז די יאָרן וואָס אים איז אויסגעקומען צו לעבן אין ווענעדיק זײַנען געווען ביטערע יאָרן פאַר אים און פאַר זײַן גרויסער משפחה.

פון ווענעדיק איז ער אַוועק קיין רוים, ווו ער האָט פאַרבראַכט 13 יאָר (1514־1527). דאָס זײַנען געווען די בעסטע און פּרוכטבאַרסטע יאָרן פון זײַן לעבן. דאָרטן האָט ער געפונען אַ „מלאך הגואל״ אין דער פּערזאָן פון קאַרדינאַל עגידיוס אָדער עדזשידיאָ קאַניסיוס דע וויטערבאָ (1471־1532). דאָס איז געווען אַ מאַן וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט דעם גײַסט פון רענעסאַנס. ער איז געווען אַ גרויסער לאַטיניסט און העלעניסט, האָט שטודירט אַראַמעיִש און העברעיִש, טערקיש, פּערסיש און אַראַביש. ער האָט אַפילו געלערנט גמרא, געשריבן

זוען דעם העברעיִשן דקדוק און קאָמפּילירט ביכער מיט טעקסט־קריטישע פאָרשונ־גען וועגן תנ״ך. די דאָזיקע פאַרצווייַגטע אינטעלעקטועלע נייַגעריקייט האָט אים געשטערט שאַפן מאָנומענטאַלע זאַכן, אויף וואָס ער איז דווקא געווען פעיִק.

חוץ זייַנע פערזענלעכע פעיִקייטן האָט קאַרדינאַל עגידיוס געהאַט דאָס מזל צו זייַן א קרוב פון פּויפּסט און דערצו נאָך געווען זייער רייַך. דאָס האָט אים מעגלעך געמאַכט צו זאַמלען זעלטענע העברעיִשע כתבי־יד בכלל און וועגן קבלה בפרט. וואָס ער האָט ניט געקענט קויפן, האָט ער געלאָזט קאָפּירן. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט א שטאַב קאָפּיסטן, וואָס ניט אַלע זייַנען געווען ראוי צו טון אַזאַ אַרבעט, און דערפאַר האָט ער געזוכט א למדן, וועלכער זאָל אַליין קאָפּירן און אויך קאָנטראָלירן די קאָפּיעס וואָס אַנדערע האָבן פאַר אים געמאַכט.

אין די הומאַניסטישע קרייַזן איז קאַרדינאַל עגידיוס געווען אויך באַקאַנט ווי א פרייַנד און פּאַרטיידיקער פון דעם באַרימטן דייַטשן הומאַניסט י אָ ה א ן ר ו י כ ל י ן (1455—1522). בעת דעם פּראָצעס צווישן רויכלין און דעם משומד פ פ ע ר ק אָ ר ן איז קאַרדינאַל עגידיוס געווען איינער פון די דריי ריכטערס וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף רויכלינס צד. רויכלינס ווערטער, אַז „ייִדן זייַנען אונדזערע מיטמענטשן און מיר דאַרפן זיי ליב האָבן״, האָבן מיט זייער קלאָרער דעקלאַראַטיוויקייט געמאַכט א רושם דווקא אויף אַזעלכע מענטשן ווי אליה בחור. מען האָט דאָס געטייַטשט, אַז ס׳איז א מצווה צו לערנען גויים לשון קודש, ווייַל דאָס העלפט מאַכן פון זיי אויס אַנטיסעמיטן. מיט יאָרן שפּעטער (1538) האָט אליה געשריבן מיט בפירושדיקע רמזים אויף דעם רויכלין־מאָמענט, אַז קריסטלעכע העבראַיִסטן האָבן תמיד פאַרטיידיקט ייִדן קעגן פאַנאַטיש־אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס.

וועגן דער באַקאַנטשאַפט פון אליה מיטן קאַרדינאַל זייַנען פאַראַן צוויי ווער־סיעס. איינע זאָגט, אַז דער קאַרדינאַל האָט זיך באַקאַנט מיט אליה אין ווענעדיק און האָט אים צוגעזאָגט אַרבעט בייַ זיך אין רוים. די צווייטע, וואָס שטאַמט פון אליה גופא, איז אין תוך אַן אויטענטישע, הגם דער אָנהייב פון זייער באַקאַנט־שאַפט איז ניט גענוג אויפגעקלערט.

אליה בחור דערציילט די מעשה אַזוי: ער איז געקומען קיין רוים און האָט זיך דערוווּסט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ קאַרדינאַל, און האָט באַשלאָסן אים תיכף צו באַזוכן. דערוווּסט האָט ער זיך וועגן אים לויט אַלע וואָרשייַנלעכקייטן פון די ייִדן־קאָפּיסטן וואָס האָבן פאַר אים געאַרבעט.

„ווען ער האָט מיך דערזען — דערציילט אליה — האָט ער זיך אויסגעפרעגט וואָס איך טו. איך האָב אים געזאָגט: „מייַן האַר, איך בין יענער דייַטשער מדקדק, כ׳בין בקי אין אַלע סודות פון דקדוק און פסוק, וואָרום איך פאַרנעם זיך מיט דעם״.

דער קארדינאַל — אַזוי פאַרזיכערט אונדזער אליה — האָט אים אַ קוש געטון און אַזוי געזאָגט: „דו ביסט עס, אליה, וואָס דיַין נאָמען קלינגט אין אַלע מדינות און אומעטום זיַינען פאַרשפּריט דיַינע ספרים! געלויבט איז גאָט, וואָס האָט דיך געבראַכט צו מיר. איצט וועסטו בלײַבן ביַי מיר און וועסט ווערן מיַין לערער און איך (וועל זיַין) צו דיר ווי אַ פאָטער. איך וועל אויסהאַלטן דיך און דיַין הויזגעזינט“. אין דעם פאַקט וועגן איַינלאַדן איז ניטאָ קיין גוזמא; דאָס באַשטעטיקט אַ מיט־ציַיטלער, דער קריסטלעכער העבראַיִסט יאָזעף סקאַליגער, אין איי־נעם פון זיַינע בריוו.

נאָך דעם ווי אליה האָט זיך באַזעצט מיט זיַין משפחה בײַם קאַרדינאַל (1516) האָט ער אָנגעהויבן זיך מתעסק זיַין מיט קאָפּירן פאַר זיַין פּאַטראָן פאַרשיידענע כתבי־יד וועגן קבלה און אויך לערנען מיט אים העברעיִש. דערפאַר האָט דער קאַר־דינאַל אים געלערנט גריכיש און לאַטיין. אָבער צו אָפּט האָבן די לעקציעס ניט געקענט זיַין, וויַיל אַ פּרטימדיקע ביאָגראַפיע פון עגידיוס באַוויַיזט, אַז ער איז מער אַרומגעפאָרן ווי געוווינט אין רוים. אליה בחור איז אויך געוואָרן ליטעראַריש זייער טעטיק. אויף קאָפּירן די מאַנוסקריפּטן האָט ער געדונגען אַ פּאָר קאָפּיסטן, כדי צו האָבן מער פריַיע ציַיט פאַר אייגענע אַרבעטן. און אַז זיַין „ליטעראַרישער שופלאָד“ איז געוואַקסן, האָט זיך אים פאַרגלוסט צו זען זיַינע ווערק געדרוקט. דרוקן אין רוים איז געווען כמעט ווי אוממעגלעך. ער נוצט דעריבער אויס דעם הויכן פּאַטראָ־נאַט זיַינעם און באַקומט פאַר די דריַי זין פון זיַין קרוב־קצב אַ דערלויבעניש אויף אַן איַיגענער דרוקעריַי. די דאָזיקע דריַי קצבישע בנים זיַינען אין דרוק־ענינים ניט געווען באַהאַוונט, אָבער האָבן געוואָלט זיַין דרוקער־מעצענאַטן. העלפן אַ לומדישן קרוב האָט, משמעות, דאָ געשפּילט אַ געוויסע ראָלע. די דרוקעריַי האָט בסך־הכּל געאַרבעט דריַי חדשים און אַרויסגעגעבן נאָר דריַי ביכער, אַלע פון זייער קרוב. אין משך פון 16 טעג איז אין יאָר 1518 אָפּגעדרוקט געוואָרן אליהס „ספר ההרכבה“, אַ ביאור צום חומש אויף 38 בלעטלעך. צום סוף פון דעם ביכל איז דער מחבר מודיע, אַז ער האָט בדעה בקרוב אַרויסצוגעבן אַ צאָל חיבורים זיַינע. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז דערשינען זיַין באַרימטער „ספר הבחור“. דאָס איז געווען אַן אויס־וואַל (נבחר) פון גראַמאַטיקאַלע כללים צום תנ"ך. דאָס דאָזיקע ביכל פון 58 בלעט־לעך איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און איז איבערגעדרוקט געוואָרן אַפילו אין 19טן יאָרהונדערט. אַ טייל הוצאות פון דרוקן האָט געדעקט דער קאַרדינאַל גופא און דערפאַר האָט אליה אים געווידמעט דאָס דאָזיקע חיבורל. זיַין דריטער חיבור, דער „לוח בדקדוק הפעלים והבנינים“, איז צו אונדז ניט דערגאַנגען.

פרומע ייִדן האָבן געקוקט זייער קרום אויף אליהס וווינען אונטער אַ גוייִשן דאַך. עס איז דערגאַנגען אַזוי וויַיט, אַז מיט יאָרן שפּעטער האָט מען אַפילו אין

שריפט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז ער האָט זיך געשמדט. דאָס איז אָבער ניט געווען אמת. כדי זיך צו באַשיצן קעגן די חשדים פון די פרומע ייִדן, מאָטיווירט אליה זײַן גרייטקייט צו וווינען און אַרבעטן פאַר אַ קריסטלעכן גײַסטלעכן מיט דעם, וואָס די חכמים אונדזערע האָבן ניט געאַסרט דאָס לערנען מיט גויים. ער פלעגט זיך אָפּט פאַררופן אויפן רמב״ם, וואָס האָט געפּסקנט אַז דאָס איז ניט „נגד הדין״, מחמת דעם וואָס אַ סך פון די קריסטן זײַנען „חוזרים למוטב״ און דעריבער „אין מכשול לישראל״ פון אַזאַ לערנען.

די סביבה וואָס אַרום דעם קאַרדינאַל, וווּהין דער צופאַל האָט אים אַרײַנגע־וואָרפן, איז געווען אָנגעלאָדן מיט אויסטערלישע און שפּאַנענדיקע געשעענישן. משמעות, אַז אליה איז געשטאַנען פון דער ווײַטנס פון דער משיחישער באַוועגונג וואָס האָט זיך גראָד אין זײַן צײַט אַזוי פילפאַרביק מאַניפעסטירט. דאָס קאָפּירן פון קבלה־מאַנוסקריפּטן האָט פון אים קיין מקובל ניט געמאַכט. צוגעדעקט מיט שטויב פון אַשיקע בלעטלעך, האָט ער דאָס פײַער, וואָס צווישן די שורות פון די דאָזיקע בלעטלעך, ניט דערשפּירט. גראָד בעת אליה איז געווען אַ תושב בײַם קאַר־דינאַל, קומט קיין רוים צו פאָרן ד ו ד ר א ו ב נ י (1524). ער זעט זיך מיטן קאַרדינאַל, רופט אַרויס פאַר עקספּערטיזע ניט אליה בחור, נאָר אַ צווייטן קאָפּיסט, וואָס איז גראָד פון קבלה גופא געקומען צום געדאַנק אַז עס איז כדאי צו קאָפּירן קאַבאַליסטישע מאַנוסקריפּטן. דאָס איז געווען אַן אונגאַרישער ייִד מיטן נאָמען ר׳ י ו ס ף ב ן א ב ר ה ם ה ג ר י. דער דאָזיקער ר׳ יוסף האָט זיך מיט אליהן גוט געקענט. אויף דעם „ספר הבחור״ פיגורירט זײַנע אַ הסכמה. ר׳ יוסף האָט, ווײַזט אויס, ניט רעקאָמענדירט אײַנצולאַדן אליהן צו דער געהיימער אסיפה, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם זעלביקן הויז ווו דער מחבר פון „בבא־בוך״ האָט געוווינט. ווי עס זאָל ניט זײַן, דער פאַקט גופא, וואָס אַזאַ געבילדעטער מיטצײַט־לער, ווי אליה בחור, האָט גאָרנישט ניט געהאַט צו דערציילן וועגן דעם היסטאָרישן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין זײַן שכנות, באַווײַזט, אַז ער איז ניט געווען קיין מענטש מיט פליגלען און משיחישע רעיונות. ער איז אומגעגאַנגען אַרום זײַנע מאַנוסקריפּטן, געלערנט, געשריבן, פאַר זיך און פאַר זײַנע פּאַטראָנען און פּאַטראָ־נעסעס. דאָ אַ שיר, דאָרט אַן אויפשריפט אויף אַ מצבה, איבערגעשריבן סיפורים פאַר ווײַבער און מיידלעך און — אַזוי אַרום מפרנס געווען זײַן גרויסע משפּחה. דאָס איבעריקע האָט אים ניט אינטערעסירט. ביז עס איז געקומען די קאַטאַסטראָ־פע, ענלעך צו דער ווי אין פּאַדואַ און װענעדיק, אָבער דאָס מאָל אַ סך אַ גרעסערע. די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע האָט אים געצוווּנגען צום דריטן מאָל אין זײַן לעבן צו זוכן אַ נײַעם מקום־מקלט. דאָס איז געשען בשנת פ״ ז ר (1527), אין יאָר וואָס

איז באַרימט אין דער געשיכטע פון דער „אייביקער שטאָט" ווי „סאַקאָ די ראָמאַ" (צעררויבונג פון רוים). די חיילות פון קאַרל דעם פינפטן האָבן געשטורעמט רוים אין משך פון דריי וואָכן און ממש חרוב געמאַכט די שטאָט. אַ סך ייִדן זײַנען אומ־געקומען. פײַער און הונגער האָבן פאַרגרעסערט די טראַגעדיע. די רײַכע ייִדן און ניט־ייִדן זײַנען אַנטלאָפן. די אָרעמע זײַנען געבליבן. אליה איז מיט זײַן משפּחה קוים ניצול געוואָרן פון טויט. דאָס ביסל פאַרמעגן, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין רוים, האָט ער אויך פאַרלאָרן. צום אומגליק האָט ער אויך פאַרלאָרן אַ טייל פון זײַנע מאַנוסקריפּטן. דעם דאָזיקן פאַרלוסט האָט ער ניט אויפגעהערט צו באַוויינען ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן. „אויף רוים איז געקומען די גזירה און אַ חורבן — שרײַבט ער שפּעטער מעשה רעפאָרטער — ס'איז בײַ מיר ניט געבליבן קיין פּרוטה. עס איז געווען אַ צײַט פון צרות. אין שטוב איז ניט געווען ניט קיין ברויט און ניט קיין האָלץ".

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים און זײַן משפּחה אַ צײַט פון נע־ונד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן צוויי יאָר צײַט. אַ קורצע צײַט האָט ער געוווינט אין דער שטאָט פּ ע ז אַ ר אָ, וווּ ער האָט אַפילו אָפּגעדרוקט אַ חיבור. אין יאָר 1529 באַזעצט ער זיך אויפסנײַ אין דער שטאָט ווענעדיק (והולכתים עמי גולה מעיר לעיר — שרײַבט ער — עד שבאתי הנה לעיר המהוללה וויניסייא בשנת פר"ט לפרט).

ווענעדיק איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע ייִדישע קהילה, פון אַן ערך 900 נפשות. דאָס סאַמע וויכטיקסטע פאַר אים איז געווען ניט אַזוי דער ייִדישער ישוב, ווי דער פאַקט וואָס דאָרטן האָט פונקציאָנירט אַ ייִדישע דרוקערײַ. פאַר אים האָט דאָס געמיינט חיונה און האָפענונג אָפּצודרוקן די גרעסטעוועטע חיבורים זײַנע. דער גוטער קאַרדינאַל האָט אים דאָס מאָל אויך ניט פאַרלאָזן. כל זמן ער האָט געלעבט, האָט ער אים געשטיצט. אָבער אין יאָר 1532 האָט אליה פאַרלאָרן זײַן פּאַטראָן. ער איז געשטאָרבן און עס איז געקומען אַ סוף צו דער באַקוועמלעכער קצבה. אמת, די קינדער זײַנען שוין לאַנג געווען אויסגעגעבן און געוווינט אין פאַרשידענע שטעט פון איטאַליע. די איינציקלעך האָבן אים פאַרזיסט דאָס לעבן. ווי אַ געניטער קאָרעק־טאָר און אַ מחבר מיט אַ נאָמען — האָט אליה בחור תיכף באַקומען אַ שטעלע אין דער איינציקער ייִדישער דרוקערײַ וואָס איז דעמאָלט געווען אין ווענעדיק. די דאָ־זיקע דרוקערײַ האָט געהערט צו אַ קריסט פון אַנטווערפּן מיטן נאָמען ד נ י אַ ל ב אָ מ ב ע ר ג. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקע געשטאַלט, אַ גרויסער אוהב־ישראל, וואָס האָט זיך באַרימט־געמאַכט צווישן די מאַראַנען מיט דעם, וואָס ער פלעגט זיי אין בעלגיע ראַטעווען פון די הענט פון דער אינקוויזיציע און אַריבער־פירן קיין טערקײַ. אין יאָר 1516 האָט ער באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ דרוק־קערײַ אין ווענעדיק, אַ פּריווילעגיע וואָס ייִדן האָבן ניט געקענט באַקומען. דער

ערשטער ספר, וואָס באָמבערג האָט אַרויסגעגעבן (15טן טאָג פון חודש טבת שנת רע"ז 1517), איז דער חומש מיט מגילות און הפטרות. צום סוף פון ספר ווענדט ער זיך, אַז מען זאָל זיך אַבאָנירן אויף אים. צוליב דער זעלטנקייט פון דער אויס־גאַבע איז כדאי צו ברענגען דעם סוף:

„נדפס עם רב העיון על ידי צעיר המחוקקים דניאל בומבירג בויניזאה עיר הגדולה תחת ממשלת השררה ותשלם כל המלאכה הזאת חמשה חומשי תורה עם חמש מגילות והפטרות של כל השנה כפי כל המנהגים בשנת עז"ר בט"ו לחדש טבת בשנת ד' לפיפיור ליאון עשירי (פויפסט לעאָן דער צענטער) האל ית' יזכנו להשלים כל הארבעה ועשרים כפי חסדיו ורחמיו הגדולים. ברוך ה' הנותן ליעף כח ולאין אנים עצמה ירבה. תם ונשלם שבח לאל בורא עולם". („צייטשריפט פיר העברעישע ביבליאָגראַפי", 1901, V, ז' 32).

מיט דער צייט ווערט באָמבערג דער ראש המדפיסים אין אייראָפּע. אין לשון קודשדיקע שירים ווערט באַזונגען דער דאָזיקער „איידעלער קריסט". ביי אים דרוקט זיך גאַנץ ש"ס בבלי (1520-1523), די פּרעכטיקע מקראות גדולות (תנ"ך מיט מפרשים) און אַ שלל (קנאַפּע 200) וויכטיקע העברעישע ספרים. באָמ־בערגס דרוקן ווערן אַ שם־דבר. מען זאַמלט זיי. עס זאַמלען זיי יידן און ניט־יידן, וועלטלעכע מענטשן און רעליגיעזע, לומדים און בפרט ליבהאָבערס פון שיינע דרוקן.

אין דער דאָזיקער דרוקעריי ווערט אליה בחור אָנגעשטעלט ווי אַ בעל־הגהה (רעדאַקטאָר) און בעל־מגיה (קאָרעקטאָר). דאָרטן האָט ער ערשט אויפגעלעבט. גע־קומען אין קאָנטאַקט מיט העבראַיזירנדיקע הומאַניסטן, מיט לומדישע יידן, וואָס האָבן געהאַט אַן אינטערעס אין וועלטלעכע ענינים, און סתם מיט טשיקאַווע מענ־טשן פון אַלע עקן וועלט. דער פּערסאָנאַל גופא איז געווען אַ מין אינטערנאַציאָנאַל פון יידן און אפילו משומדים פון פאַרשיידענע לענדער און מקומות.

אין וואָס איז, אייגנטלעך, באַשטאַנען אליהס אַרבעט? אין קאָרעגירן מאַנוס־קריפּטן. דעם גרויסן נאָמען האָט ער זיך דערוואָרבן ניט בלויז אין זכות פון זיין מחברשאַפט, נאָר אפשר מער אַ דאַנק זיין בריהשקייט צו פאַריכטן פרעמדע, שלעכט־געשריבענע מאַנוסקריפּטן. זיין אַ קאָרעקטאָר האָט אין יענער צייט געמיינט קודם־כל זיין אַ גרויסער למדן, ווייל אַזאַ בעל־מגיה איז אין תוך גענומען געווען סטיל־רעדאַקטאָר, רעדאַקטאָר (מסדר הגליונות) און קאָרעקטאָר.

פון דער הקדמה פון אליהס אַ בן־דור, ר' יעקב ב"ר חיים לי־נעל, דעם קאָרעקטאָר פון דעם משניות, וואָס איז דערשינען אין ווענעדיק (אין 1546), קען מען זיך אַ סך אָפּלערנען וועגן דער ראָלע פון אַ בעל־הגהה. „נאָכדעם ווי איך האָב פאַרענדיקט די הגהה פון משניות („ספר טהרות") — שרייבט ער — האַלט איך פאַר נייטיק זיך צו פאַרענטפערן מחמת דעם, וואָס מען איז ניט געווינט

צו אַזעלכע זאַכן, און די כתבי-יד זײַנען אַזוי פֿאַרגרײַזט... איך האָב לפּי עניות דעתי אַלץ דורכגעזען, באַטראַכט און באַקלערט פֿון אַלע זײַטן ביז יעדער שטעל איז געוואָרן קלאָר און פֿאַרשטענדלעך. דאָרטן ווּ עס זײַנען לויט מײַן מיינונג געווען נאָר בלויזן, האָב איך מוסיף-געווען לויט מײַן סברא. אין אייניקע ערטער, ווּ דער טעקסט האָט זיך מיר אויסגעוויזן צו זײַן פֿאַרגרײַזט און ניט פֿאַרשטענדלעך, האָב איך אויסגעבעסערט לויט מײַן שׂכל".

ווי מען זעט, איז אַ בעל-הגהה געווען אַ מסדר פֿון דעם טעקסט. אָפֿט מאָל פֿלעגט טרעפֿן, אַז אַזאַ רעדאַקטאָר האָט פּשוט ניט אײַנגעשטימט מיט די מיינונגען וואָס דער מחבר האָט אַרויסגעזאָגט אין זײַן כתב-יד — האָט ער אַרײַנגעשטעלט אין טעקסט גופֿא זײַנע קריטישע באַמערקונגען. אַזוי, למשל, האָט אַ רעדאַקטאָר אַרײַנגעשטעלט אין רמב"מס „משנה תורה" (ווענעדיק, 1524, געדרוקט בײַ באָמבערגן) גאַנצע 23 שורות, ווּ ער פּאָלעמיזירט מיטן גרויסן מחבר.

ווי געזאָגט, איז באָמבערגס דרוקערײַ געווען אַ מין בית וועד לחכמים. מיט די סאַמע וויכטיקסטע געסט האָט זיך אליה בחור טאַקע דאָרטן באַקענט און מיט אייניקע פֿון זיי אַפֿילו שטאַרק באַפֿרײַנדעט. איינער פֿון זיי איז געווען דער קאַרדינאַל מ אַ ר ק אָ ג ר י מ אַ נ י. מיט אים האָט זיך אליה בחור באַקענט אין יאָר 1532. דער דאָזיקער טיף-רעליגיעזער קריסט האָט געהאַט אַ סכסוך מיט דער קאַטוילישער אינקוויזיציע, אפֿשר דערפֿאַר, וואָס ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט העברעיִשע מחברים, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען אליה בחור, און דער באַרימטער רופֿא און מדקדק אַ ב ר ה ם ד ע ב אַ ל מ ע ס (1523-1440). מיטן לעצטן האָט אליה, אגב, געפֿירט אַ וויסנשאַפֿטלעכן ויכּוח (דעם איינציקן וואָס איז בכלל באַקאַנט). גרימאַני האָט געשטיצט דעם באַרימטן רופֿא און געלערנטן ר' א ל י ה ד ע ל מ ע ד י ג אָ פֿון קאַנדיאַ (אַן אינדזל וואָס האָט געהערט צו ווענעדיק).

אין יאָר 1538 האָט אליה בחור זיך באַפֿרײַנדעט מיטן פּראָמינענטן פֿראַנצייזישן העבראַיִסט ווי ל ה ע ל ם פּ אָ ס ט ע ל ו ס (1581-1510), וועלכער רעדט וועגן אונדזער מדקדק רק מיט שבחים, הגם ער איז געווען אַ סך אַ הייסערער מקובל ווי אליה. באַזונדער וויכטיק איז געווען די פֿרײַנדשאַפֿט מיט אַ נ ד ר ע אַ ס מ אַ ס י ו ס (וואָס האָט געלעבט אין די יאָרן 1573-1514). דער דאָזיקער מאַסיוס האָט געשריבן העברעיִשע שירים. אים האָט זיך אויך פֿאַרגלוסט שטודירן תּלמוד. פּאַר דעם צוועק פֿלעגט ער באַזוכן אליה בחור. אין יאָר 1547 האָט ער געוואָלט קומען קיין ווענעדיק, כּדי זיך נאָך אַ מאָל טרעפֿן מיטן זײַן „מ ײַ ס ט ע ר ל ע ווי ט אַ". ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו קאַ ר נ ע ל י אַ (י ש ר א ל) אַ ד י ל ק י נ ד, דעם פּאַרוואַלטער פֿון באָמבערגס דרוקערײַ, און זיך נאָכגע-

פרעגט וואָס מאַכט זײַן רבי. אַדילקינד האָט אים געענטפערט, אַז ר' אליה איז אַלט און קראַנק און ער האָט מורא אַז אין גיכן וועט ער „אַוועק צו זײַנע אָבות", און דעריבער איז שוין ניט כדאי צו קומען מיט אים זיך זען.

אויך פון דעם ווײַטן פּוילן, וווּ די רענעסאַנס־באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אַן אינטערעס פאַרן לימוד פון לשון קודש, איז מען געפאָרן זען און לערנען זיך בײַם מחבר פון „ספר הבחור". אַזאַ גאַסט און תּלמיד איז געווען י אָ ה אַ נ ע ס ק אַ מ פּ ע נ ס י ס, פּראָפעסאָר פון העברעיִש אין דעם אַלטן יאַגעלאָנער אוני־ווערסיטעט אין קראָקע. אין יאָר 1528 האָט ער אין קראָקע אַרויסגעגעבן אַ העברע־יִשע גראַמאַטיק. אין 1534 פאָרט ער קיין ווענעדיק, צו דערלערנען גרינטלעכער די דאָזיקע שפּראַך. אין דעם זעלביקן יאָר גיט ער אַרויס אַ פאַרגרעסערטע און פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון זײַן גראַמאַטיק, באַזירט אינגאַנצן אויף אליהס חיבורים. „אַלץ וואָס איך האָב אין דעם ביכל — שרײַבט ער אין דער הקדמה — האָב איך גענומען פון אליה הלוי".

אין אַ בריוו צו דער אונגאַרישער קיניגין מאַריאַ (דעם 4טן פעברואַר 1532) שרײַבט קאַמפּענסיס, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין העברעיִש, אַזוי: „עס איז פאַראַן נאָר איינער (ד"ה בקי אין העברעיִש) און דאָס איז אליה אשכנזי, בײַ וועמען מ'קען זיך עפּעס אויסלערנען; איך וועל זיך פילן גליקלעך, אויב עס וועט זיך מיר אײַנגעבן בקרוב מיט אים זיך צו באַקענען".

דאָס האָט זיך אים סוף־כל־סוף אײַנגעגעבן און אַ דאַנק דער דאָזיקער באַגע־געניש איז אויפגעקומען קאַמפּענסיס' גראַמאַטיק.

גאָר אַ וויכטיקע ראָלע אין זײַן לעבן האָט געשפּילט די באַקאַנטשאַפט און פרײַנדשאַפט מיט דעם פראַנציייזישן אַמבאַסאַדאָר אין ווענעדיק, דעם בישאָף פון לאַוואָר, זשאָרזש דע סעלוו (George de Selve). אליהו האָט אים גע־ווידמעט זײַן „ספר הזכרונות", וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אין 1514 און וואָס איז געווען פאַרטיק אין דער לעצטער רעדאַקציע אין 1521 און פאַרענדיקט געוואָרן ערשט אין 1536. סעלוו האָט אים פאַרגעלייגט די קאַטעדרע פאַר העברעיִש אין פּאַ־ריז, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1529. ווי אליה גופא דערציילט, האָט ער זיך פון דעם גרויסן כבוד אָפּגעזאָגט מחמת דעם וואָס מען האָט אין 1394 פאַרטריבן ייִדן פון פראַנקרײַך און דעריבער האָט ער ניט געוואָלט אַהין פאָרן. ער איז אָבער אײַנגעגאַנגען אויף סעלווס פאָרלייג צו דרוקן זײַן „ספר הזכרונות" אין אַ פּאַריזער דרוק־קערײַ. אליה האָט אים געגעבן דעם כתב־יד און אָנגעהויבן וואַרטן אויף אַ געדרוקטן טעקסט. אין דער הקדמה צום „מסורת המסורה" (1538) שרײַבט אליה אַזוי: „איך האָף צו גאָט, געבענטשט זאָל זײַן זײַן נאָמען, אַז עס וועט דערזען די ליכטיקע וועלט גאָר אין גיכן, ווײַל עס איז געשיקט געוואָרן אויף צו דרוקן אין דער גרויסער

שטאָט פּאַריז, וואָס איז אין מלכות פראַנקרייַך". אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז דאָס דרוקן האָט זיך ניט געריררט פון אָרט. אין זייַן „תשבי" (1541) פאַרזיכערט ער אַז דער „ספר הזכרונות" דרוקט זיך שוין. דער סוף איז געווען אַז דער מאַנוס־קריפּט איז קיינמאָל ניט געווען געדרוקט, און ליגט עד־היום אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין פּאַריז. נאָר קליינע אויסצוגן זייַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט אין 19טן יאָרהונדערט.

אליהן האָט אָפּט פאַרדראָסן, וואָס זייַנע חסידים און תלמידים ניצן אויס זייַנע ווערק און דערמאָנען אַפילו ניט זייַן נאָמען. עס איז דערפאַר ניטאָ קיין שום באַרימערייַ אין דעם, וואָס ער דערציילט אין דער צווייטער הקדמה צום „תשבי", אַז ער האָט צוריקגעוויזן פאָרלייגן, וואָס עס האָבן אים געמאַכט בישאָפן, פּרינצן און אַ קאַרדינאַל, צו ווערן אַ לערער אין קריסטלעכע לער־אַנשטאַלטן.

בעת ער האָט געשריבן די דאָזיקע ווערטער, האָט אים מסתמא פאַרדראָסן וואָס ער האָט די דאָזיקע אייַנלאַדונגען ניט אָנגענומען. ער האָט שוין געלעבט מיט זיסע זכרונות פון אַמאָליקע יאָרן, פון יענע טעג, ווי ער שרייַבט, ווען ער איז געווען אַ רייַפער מענטש (כאשר הייתי בימי חרפי).

די אַרבעט אין דער דרוקערייַ איז אים שטאַרק געפאַלן צו לאַסט. ער איז שוין געווען אַ בן ששים. פאַר יענער תקופה, ווען דער דורכשניט־שפּאַן פון אַ מענטש־לעכן לעבן איז געווען 45 יאָר, איז דאָס באמת געווען אַ טיפע עלטער.

אין 1540 פאַרמאַכט באַמבערג אויף אַן אומבאַשטימטער צייַט די דרוקערייַ און אליה בחור בלייַבט אָן חיונה. גראָד האָט זייַן תלמיד, דער פריידיקער פּ ו י־ל ו ס פּ אַ ג י ו ס (1549-1500) געפּלאַנט צו עפענען אַ דרוקערייַ אין דעם דייַטשן שטעטל אַ י ס נ י, אין ווירטעמבערג. ער האָט אייַנגעלאַדן אליה בחור צו ווערן דער ממונה איבער דער דרוקערייַ. אליה בחור האָט עס תיכף אָנגענומען. זייַנע צוויי אייניקלעך, יוסף און אליה, די זין פון דער עלטערער טאָכטער חנה, זייַנען מיט אים מיטגעפאָרן. דאָס האָט דעם אַלטן אליה פאַרגרינגערט די אייַנזאַמ־קייַט אין דער פרעמד. קנאַפּע דרייַ יאָר האָט אליה געאַרבעט אין איסני. אין דער קורצער צייַט האָט אליה אַרויסגעוויזן אַ גוואַלדיקע טעטיקייַט. דאָרטן איז דערשי־נען זייַן ווערק „תשבי" (אויך אַרויס אין אַ לאַטייַנישער איבערזעצונג). אין דער הקדמה צו דער אויסגאַבע שרייַבט אליה, אַז בעת ער האָט פאַרלאָזן זייַן הויז אין ווענעדיק איז דער ספר נאָך ניט געווען פאַרענדיקט („בצאתי מביתי לא היה הספר נשלם"). חוץ דעם זייַנען דאָרט דערשינען: דאָס העברעיִש־יידיש ווערטער־ביכל „שמות הדברים", דער „ספר מתורגמן" (געדרוקט אויגוסט 1541), „פרקי אליהו" (אויך מיט אַ לאַטייַנישער איבערזעצונג) און אַ צווייטע אויפלאַגע פון „ספר בחור". אין דעם „מתורגמן" איז פאַראַן (צום ערשטן מאָל) אַ שיר לכבוד אליה, געשריבן

ספר התשבי
לאליהו התשבי
שרשיו במנין
תשבי
והמה הם שרשים . מלפנים אינם מפורשים .
ומ[illegible] ומוזכרים . בתלמוד ומדרשים
בראשית רבא וילמדנו . ולא יהיה שרש
בכל הספר . שאינו דבר חדש מספר .
ועל זה בפסוק אחד אשיר . על
דרך מליצת השיר . אין בית
אשר אין שם מה חדש
איזה דבר . אשר
לא נשמע
בספר .

(פון די זאַמלונגען פון יידישן טעאָלאָגישן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק)

פון אַ פּראָגער ייִד אַ ה ר ן ב ן אַ ב ר ה ם. אין „פּרקי אליה" האָט דער מחבר גופא אָפּגעדרוקט צום סוף אַן אייגענעם שיר.

בסך־הכל מיטן „בבא־בוך" האָט אליה אָפּגעדרוקט אין איסני אייגענע אַכט ווערק. אייניקע פון זיי אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס מיט לאַטיינישער איבערזעצונג און באַזונדער מיט הקדמות פון פּ ו י ל ו ס פּ אַ ג י ו ס (אין לאַטיין).

די קרויז פון זייער שריפטשטעלערישער אַרבעט אין איסני איז געווען דאָס אָפּדרוקן דאָס „בבא־בוך", וואָס זײַנע אייניקלעך האָבן אַגב געזעצט. אין דעם נאָכוואָרט ווערט דערציילט וועגן דעם אין גראַמען:

„גילובט זייא גוט, דער אונז גיהָלפן הוט, דש מיר דש בוך אויז געדרוגט האָבן אונ' מיר האָבן עש גיזיצט מיט צווין קנאַבן יוסף און אליה, אונזר ואטיר (פאָטער) היישט כמר יצחק בהם (פון בעמען) פון רום. און מרת חנה היישט אונזר מוס (מאַמע) אונ' דער דש בוך גימאַכט הוט דער איז אונזר הערלן (זיידע) און מיר האָבן עש גימכט אז (אַזוי) ריין אז איין פערלן".

פאַגיוס האָט אויך געוואָלט אַרויסגעבן אליה בחורס איבערזעצונגען פון באַזונדערע טיילן תנ"ך. פאַראַן אַ סברא, אַז אליה האָט אים דיקטירט אַ ייִדישע איבערזעצונג פון איוב, אָבער דער כתב־יד איז, משמעות, פאַרלאָרן געגאַנגען. דער פרומער פּריידיקער האָט שטאַרק עקספּלאָטירט דעם אַלטן אליה. אמת, אין זײַנע לאַטיינישע הקדמות, ווי אויך אין זײַנע בריוו, האָט ער אים ניט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלימענטן. ער האָט פון אים געהאַלטן אַ וועלט. אליה — שרײַבט ער — איז אַ „צוגעלאָזענער מענטש" און ווייט ניט קיין רעליגיעזער פאַנאַטיקער. „הגם לויט דער אמונה איז ער אַ ייִד — שרײַבט פאַגיוס — דאָך איז ער ניט אַזוי פײַנטלעך אײַנגעשטעלט קעגן אונדזער אמונה און דענקט ניט שלעכט וועגן ישו".

די דאָזיקע אַטעסטאַציע איז בלי ספק אַן איינזײַטיקע. ווי באַוווּסט, האָט אליה בחור בדרך כלל געוואָלט אויסמײַדן רעליגיעזע וויכוחים. פון זײַן „תשבי" קען מען אָבער זען, אַז ער איז ניט אַזוי „פרײַנטלעך" צום קריסטנטום (זע: די שטיכווערטער, ווי משומדים, ישו, גילגול אאז"וו).

ווײַט פון דער היים, באַזאָרגט וועגן דער צוקונפט פון די אייניקלעך, אומרויִק צוליב דער איינזאַמקייט פון זײַן פרוי, האָט אליה באַשלאָסן וואָס גיכער אַהיימצופאָרן. אינצווישן האָט פאַגיוס געמוזט ליקווידירן זײַן דרוקערײַ. אין זײַן לאַטיינישער הקדמה צום „תשבי" (איסני 1541) אַטעסטירט פאַגיוס אליהן בזה הלשון:

„מיר איז געווען באַשערט ניט בלויז צו לייענען די ווערק פון דעם דאָזיקן מאַן, נאָר אויך אים גופא האָבן נאָענט בײַ זיך און אויפנעמען אים ווי אַ גאַסט, פלוידערן מיט אים מפה לפה, ווי די ייִדן דריקן זיך אויס, און האָבן מיט אים עסקים. מיט זײַן עצה און זײַן הילף, זײַן אויסגעוויינלעכער געלערנטקייט און זײַן וווּנדער־

לעכער מילדקייט און פריינדלעכקייט האָט דער מענטש פאַרדינט אַז מען זאָל אים נאָר לויבן. ער האָט מיר געהאָלפן גרינדן מיין העברעיִשע דרוקעריי".

באַלד נאָך דעם ווי פאַגיוס האָט פאַרמאַכט זיין דרוקעריי איז אליה בחור צו־ריקגעפאָרן קיין ווענעדיק, צו זיין „אַלטיטשקער" ווי ער דריקט זיך אויס.

„איצט וויל איך אַראָפּוואַרפן די קנעכטשאַפט פון יאָך — שרייבט ער אין דעם שלוסוואָרט צום „ספר מתורגמן" (איסני 1542) — איך וועל מער ניט זיין קיין שקלאַף. איך וויל צוריק גיין אין דעם לאַנד ווענעציע פון וואַנען איך בין אַוועק. איך וויל שטאַרבן צוזאַמען מיט מיין אַלטער פרוי און מער ניט מאַכן קיין טראָט פון איר!".

געקומען אַהיים איז אליה פאַרן חודש אדר 1543. יענעם חודש גיט ער אַרויס אַ סידור פאַר ספרדים, געדרוקט דווקא ניט ביי באָמבערגן. אַ געוויסע צייט אַרבעט ער ביי פ ר א נ צ ע ס ק אָ ב ר ו ס ע ל אָ. ערשט סוף 1544 ווערט ער צוריק קאָרעקטאָר ביים אַלטן בעל־הבית זיינעם, באָמבערג. אַדילקינד, דער פּאַרוואַלטער ביי באָמבערגן, האָט אליהן ניט ליב געהאַט און ניט געוואָלט דרוקן זיינע אייגענע ווערק. ער האָט פון אים געוואָלט מאַכן אַ ליטעראַרישע האַנט. בעת אליה האָט געהאַט אין כתב־יד צוויי יידישע פּאָעמעס, וואָס ער האָט באַאַרבעט אין חרוזים, האָט אַדילקינד אים דווקא געגעבן אויסרעדאַקטירן אַן אַלטע יידישע איבערזעצונג פון תהילים, צו וועלכער דער פּאַרוואַלטער גופא האָט צוגעגעבן אַ הקדמה, אין וועלכער ער טרעט אַרויס קעגן וועלטלעכע ביכער אויף יידיש, וואָס קלינגט ממש ווי אַן אָנגריף אויף דעם אַלטן אליה. די דאָזיקע איבערזעצונג וואָס טראָגט אליהס נאָמען (זיכער ניט פון אים אָוועקגעשטעלט) איז דערשינען אין יאָר 1545.

די יידישע ליטעראַטור איז שוין צו יענער צייט געוואָרן אַ גוט געשעפט. דער וווּקס פון אַשכנזישע יידישע ישובים אין איטאַליע האָט פאַרברייטערט די פּערי־פעריע פון לייענערס פון יידיש. ניט בלויז יידן, נאָר אויך קריסטן האָבן זיך מיט דער דאָזיקער ליטעראַטור שטאַרק געאינטערעסירט. משומדים אַרבעטן אויך ווי אי־בערזעצערס אויף יידיש. אין משך פון קנאַפּע 10 יאָר (1540־1549) וואַקסט אויס אַ סאָלידע ליטעראַטור אויף יידיש. אין 1544 דערשיינען צוויי פאַרשיידענע איבער־זעצונגען פון חומש, איינע אין ק אָ נ ס ט אַ נ ץ און די צווייטע אין א ו י ג ס־ב ו ר ג. אין דעם זעלביקן יאָר גייט אַרויס אין א יי כ ע נ ה ו י ז ן אַ יידישע איבערזעצונג פון סידור. אין די יאָרן 1543-1544 גייען אַרויס די צוויי קלאַסישע שפּילמאַנישע פּאָעמעס: דער „שמואל־בוך" און דער „מלכים־בוך". אין יאָר 1546 ווערט אין ציריך געדרוקט דער גראַנדיעזער, פּרעכטיק־אילוסטרירטער „יוסיפון", אַ ספר פון טויזנט זייטן. אין דעם זעלביקן יאָר דערשיינט אַ יידישע איבערזעצונג

פון ר׳ יונה גירונדי, „ספר היראה״, א קלאסיש מוסר־ספר, געשריבן אין 13טן י״ה אין שפאניע.

עס הייבט זיך אן א קאנקורענץ צווישן די ארויסגעבערס פון רעליגיעזע און וועלטלעכע ספרים. קארניליא (ישראל) אדילקינד איז געווען קעגן וועלטלעכע ביכער, ד״ה קעגן „ראמאנען״; ער וויל נאר האבן אלע טיילן פון תנ״ך איבערגעזעצט אויף יידיש און ער באשטעלט זיי ביי אליה בחור. אבער דער מחבר פון „בבא־בוך״ איז שוין צו־אלט צו קענען ווייטער אנגיין מיט אזא ארבעט. אויף דעם קלאגט זיך טאקע אדילקינד גופא.

„ער האט שוין ניט קיין געהירן״ — שרייבט ער אין א בריוו.

אין די יארן 1545־1546 האט אליה ארויסגעגעבן דעם ספר „דקדוקים״ פון משה בן יוסף קמחי. אין א שיר צוגעגעבן צום סוף רעדט ער וועגן זיך ווי וועגן א „פארלארענעם מענטשן״. אין יאר 1546 גיט ער ארויס זיינע „פרקי אליהו״. כמעט יעדן ספר פון יענער תקופה באגלייט ער אין דער וועלט אריין מיט אן אייגענעם שיר. אין דער ספר „מכתם לדוד״ פון דעם רופא דוד בן שלמה וויטאל (1546) דרוקט ער אויך אפ א שיר. דאס זעלביקע איז מיט אנדערע ספרים, ווי „רוח חן״ פון יהודה בן שאול אבן תבון, געדרוקט פון דניאל בן קארנעליא אדילקינד (1544 און 1549) און מיט „שערי דורא״ פון ר׳ יצחק מדורא (1548, איבערגעדרוקט פון דער קראקעווער אויסגאבע פון 1534). אין יאר 1549 האט באמבערגס דרוקעריי זיך פארמאכט, ווייל דער בעל־הבית איז געשטארבן.

אין דעם זעלביקן יאר איז געשטארבן אליה בחור (דעם צווייטן טאג אין חודש שבט, שנת ש״ט, וואס איז לויטן קריסטלעכן קאלענדאר אויסגעפאלן יענעם יאר דעם 1טן יאנואר 1549). אויף זיין מצבה געפינט זיך אזא אויפשריפט:

„הלא אבן בקיר תזעק ותהמה לכל עובר\
עלי זאת הקבורה.\
עלי רבן אשר נלקח ועלה בשמים\
אלי — יה ב־סערה.\
הלא הוא זה אשר האיר בדקדוק אפלתו\
ושם אותו לאורה.\
שנת ש״ט שני שבט עלה בסופו\
ונפשו בצרור חיים צרורה.״

(דער שטיין שרייט פון דער וואנט און טרויערט פאר יעדן פארבייגייער,\
וועגן אט־דעם קבר, וועגן דעם רבין וואס איז אוועק און אריין אין הימל.\
אליהו איז אוועק צו גאט אין א שנעלן ווינט. ער, וואס האט געבראכט ליכט אויף\
דער פינצטערקייט פון דקדוק, און האט עס אומגעקערט אין ליכט).

שאפן

אליה בחור האָט זיך קודם־כל באַרימט געמאַכט ווי אַ מדקדק. זײַנע פּאַרשײ־דענע לערנביכלעך זײַנען איבערגעזעצט און באַאַרבעט געוואָרן אויף לאַטײַן און אַזוי אַרום האָבן זיי צוגעצויגן ברייטע קרײַזן פון קריסטלעכע טעאָלאָגן, פילאָלאָגן, מיסיאָנערן און סתם מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט קענען לשון קודש, ווי מען האָט צו יענער צײַט גערופן די העברעיִשע שפּראַך. אין דעם פּרט האָבן די גרעסטע ראָלע געשפּילט זײַנע צוויי תלמידים: דער פּריִער שוין דערמאָנטער פּ ו י ל ו ס פּ אַ־ג י ו ס און ס ע ב אַ ס ט י אַ ן מ י נ ס ט ע ר (1489-1552), וואָס האָבן באַאַרבעט און אַרויסגעגעבן די ווערק פון דעם, וועגן וועמען זיי האָבן מיט שטאָלץ גערעדט ווי וועגן זייערן אַ לערער.

אליה בחור איז ניט געווען קיין מענטש מיט געוואָגטע פילאָלאָגישע געדאַנקען, וואָס זאָלן מרעיש עולם זײַן, חוץ אפשר דער טעאָריע, אַז די נקודות זײַנען אויפֿ־געקומען בימי התלמוד, וואָס וועגן דעם האָט מען שוין געשריבן אין שפּאַניע. ער איז געווען אָנערקענט ווי אַ גוטער לערער, וואָס קען מעטאָדיש מסביר־זײַן אַן ענין. זײַן צוגאַנג צו פּראָבלעמען פון עטימאָלאָגיע און פילאָלאָגיע איז תמיד אַ קלאָרער. ער מײַדט אויס אומנייטיקע דרך אגבס, אַ שוואַכקײַט פון אַ סך פון זײַנע קריסט־לעכע „תלמידים". זײַן העברעיִש איז קלאָר, נאָר ניט גלאַנציק ווי בײַ אייניקע משוררים אין איטאַליע, איז אָבער אויך ניט קיין טרוקענער. די דאָזיקע פעיִקייט קלאָר צו פאָרמולירן באַגריפן און טערמינען האָט אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען זײַן שטאַרקע ווירקונג. די פילאָלאָגן און לעקסיקאָגראַפן פון דעם השכלה־פּעריאָד האָבן אים אַרויסגערוקט ווי אַ מוסטער, בפרט פאַר זײַן „תשבי", ווו די דעפיניציעס זײַנען ממש קלאַסיש. אין אַ גרויסער מאָס האָט אויך צו זײַן רום בײַגעשטײַערט זײַן כוח־הדיבור. ער איז געווען אַ גוטער פאָרלייענער. דער דאָזיקער לעצטער עפּיגאָן פון דער שפּילמאַנישער תקופה האָט לויט אַלע וואָרשײַנלעכקייטן געקענט גוט פאָר־לייענען, ניט בלויז זײַנע ריטערלעכע ראָמאַנען, נאָר אפשר אויך דעם „לוח הפעלים".

די קריסטלעכע מיטצײַטלער רופן זיך וועגן אים אָפּ מיט גרויס סימפּאַטיע. עס האָט געצויגן צו אים. פאָרט אַ שטיקל „באָהעמער" געווען. סעבאַסטיאַן מינס־טער רופט אים אָן „סימפּאַטישער פּאַרשוין". אַלע ווײַזן אָן, אַז ער איז געווען אַ פּעדאַנט און אַפילו ניט פרײַ פון גאווה. דאָס לעצטע איז פאַרשטענדלעך. ער איז פאָרט געווען דער אייניציקער ייִד סוף מיטלעלטער וואָס איז אַזוי נתעלה געוואָרן און געווען ממש קרוב למלכות. אָבער די גאווה האָט אים ניט פאַרשיכורט. אַ מענטש מיט אַ סך ווייסן, איז ער תמיד גרייט געווען זיך אַליין צו לערנען און לערנען אַנדערע.

זײַנע גראַמאַטיקאַלישע און לעקסיקאָגראַפישע חיבורים, ווי דער „ספר בחור", „פּרקי אליהו", „הרכבה", זײַן פּירוש צו משה קמחים קורצער גראַמאַטיק און די

הגהות צו ד ו ד ק מ ח י, ווערן פאררעכנט צווישן מוסטערווערק פון דער העב־רעיִשער ליטעראַטור. אליה איז געגאַנגען אין די פוסטריט פון א ב ר ה ם א ב ן ע ז ר א און האָט אויך א סך געגאַשט פון זײַן ב ן־ד ו ר א ב ר ה ם ד ע ב א ל מ ע ס מיט וועמען ער האָט געפירט מחלוקות.

ווען ס ע ב א ס ט י א ן מ י נ ס ט ע ר האָט אין יאָר 1524 באַקומען דעם „ספר בחור", האָט עס אים אַזוי דערפרייט, אַז ער איז ניט מיד געוואָרן פון שרײַבן בריוו צו פרײַנד און דערציילן וועגן דעם דאָזיקן חיבור. די בריוו, וואָס אליה האָט אים געשריבן, האָט ער אָפּגעדרוקט אין אָריגינאַל און אין אַ לאַטייני־שער איבערזעצונג און זיי צוגעגעבן במקום הקדמה צו זײַנע ווערק, הן אָריגינעלע, הן איבערגעזעצטע. דאָס איז געווען אַ מין הסכמה פאַר זיך מצד דעם „שר המדק־דקים", וואָס האָט בדרך כלל קיינמאָל קיין הסכמות ניט געגעבן. אין יאָר 1546 האָט דער זעלביקער מינסטער געשריבן, אַז דאָס ביסל ידיעות (און עס איז געווען אַ סך מער ווי אַ ביסל) וואָס ער פאַרמאָגט וועגן העברעיִש האָט ער צו פאַרדאַנקען הויפּטזאַכלעך די ווערק פון אליה לעוויטאַ.

אליהס ווערק צייכענען זיך אויס מיט אַ זייער גוטן סדר, מיט גענויע דעפי־ניציעס פון ווערטער און באַגריפן, מיט אַ לאָגישער קאָנסטרוקציע, וואָס האָט אַרויס־גערופן באַוווּנדערונג. קיין שפּראַך־פילאָזאָף איז ער ניט געווען. ער איז אַ מדקדק — אַ פּראַקטיקער. זײַן „תשבי", אַ ביכל מיט 712 (תשבי באַטרעפט 712) דער־קלערונגען וועגן ווערטער אין תנ"ך און אויך וועגן נײַע ווערטער אין דער גמרא, איז אַ מוסטער פון קלאָרקײַט. זײַן „מתורגמן" איז בכלל דאָס ערשטע ביכל פון דעם מין. דאָס איז אַ ווערטערבוך צום תרגום אונקולוס. זײַן „מסורת המסורת" (1538) איז די ערשטע סיסטעמאַטישע באַשרײַבונג פון דער מסורה און די ערשטע קריטיק פון דער געשיכטע פון דער מסורה.

ווי אַ סך מדקדקים פון זײַן צײַט און אַפילו פון שפּעטערדיקע תקופות, האָט ער געהאַט אַ שוואַכקײַט צו שרײַבן שירים. זײַן העברעיִשע מוזע איז ניט פון הויכן שוווּנג. אַ טייל שירים האָט אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט, אייניקע פאַרמאָגן אַן אוצר פון אויטאָביאָגראַפישע פּרטים. די שירים האָט ער אַרײַנגעשטעלט ווי הקדמות אָדער ווי שלוסווערטער (קאָלאָפאָנען) ניט בלויז צו זײַנע אייגענע חיבורים, נאָר אויך צו פרעמדע, וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען זײַן רעדאַקטאָרישע האַנט.

אין דעם סידור נוסח ספרדים (ווענעדיק, 1543) חתמעט ער זיך אונטערן שיר „אמר הלוי והזמר". אין דעם סידור פון 1548 גראַמט ער:

„שיר זה הגביה
אליהו הלוי המגיה".

צו זײַן ניט געדרוקטן „ספר הזכרונות" האָט ער צוגעגעבן אַ לענגערע גע־גראַמטע הקדמה, אַגב אַ זייער וויכטיקע פאַר זײַן ביאָגראַפיע. צום סוף פון „מהלך

שבילי הדעת" פון מ ש ה ב ן י ו ס ף ק מ ח י, ווּ עס איז פֿאַראַן זײַנער אַ פּירוש, האָט ער אָפּגעדרוקט אַ שיר (ווענעדיק 1546) אין וועלכן ער דערציילט וועגן זײַן לעבן אין פּאַדואַ און וועגן די צוגעגנבֿעטע מאַנוסקריפּטן. אין זכות פֿון אַזעלכע פּרטים זײַנען די דאָזיקע שירים וויכטיק.

דער אַלטער מדקדק שרײַבט שירים לכבֿוד זײַן בעל־הבית ד נ י א ל ב אָ מ־ ב ע ר ג, לכבֿוד דעם גבֿיר פֿון באָלאָניע, ר' א ב ר ה ם פ י ז אַ. דאָס איז געווען אַ נוסח הזמן, ניט אַלע מאָל סתם חניפֿה. אייניקע פֿון זײַנע שירים זײַנען געגראַמטע רעקלאַמעס פֿאַר ספֿרים און זייערע מדפּיסים. אַזאַ רעקלאַמע, למשל, געפֿינט זיך צום סוף „ספֿר השרשים", וואָס איז דערשינען אין ווענעדיק אין 1529. ער האָט אויך געשריבן נוסחאות פֿאַר מצבֿות, מיט אַקראָסטיכן און אָן אַקראָסטיכן, לויטן גוסט און באַשטעלונג פֿון די משפּחות. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ בכּבֿודיקע פּרנסה און איז געווען פּאָפּולער בײַ אַ סך משוררים פֿון מיטלעלטער און נײַער צײַט. די דאָזיקע שירים האָבן ניט מער ווי אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט. דאָס זעלביקע קאָן מען זאָגן וועגן זײַנע צוויי פּאַשקווילן אויף יידיש, דעם „המבדיל" און דעם ליד וועגן דער שׂריפֿה אין ווענעדיק. אין היכל פֿון פּאָעזיע, אַפֿילו געמאָסטן לויטן געשמאַק פֿון יענער תּקופֿה, גייען זיי ניט אַרײַן. דערפֿאַר אָבער פֿאַרנעמט אליה בחור אַ מזרח־וואַנט אין דער געשיכטע פֿון דער עלטערער יידישער ליטע־ ראַטור. דאָס איז ניט בלויז צוליב דעם צושטײַער צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער שפּראַך, נאָר הויפּטזאַכלעך צוליב זײַנע צוויי גרויסע ראָמאַנען אין פֿערזן, וואָס ער האָט באַאַרבעט פֿון איטאַליעניש, און אויך צוליב אַנדערע ווערק, וואָס זײַנען צו אונדז, לײַדער, ניט דערגאַנגען.

די שטאָט ווענעציע האָט געהאַט אַ פּאָר שרײַבערס אין יידיש. די אויספֿאָר־ שונג פֿון די מאַנוסקריפּטן (וואָס געפֿינען זיך אין איטאַליענישע אַרכיוון, אַ טייל איז שוין לײַדער פֿאַרניכטעט) וואָלטן אפֿשר פֿעסטגעשטעלט אַ גרעסערע צאָל יידי־ שע מחברים. אין 1504, למשל, האָט ניט ווײַט פֿון ווענעדיק געלעבט מ נ ח ם אָ ל ע נ ד אָ ר ף, אַ דײַטשער ייִד, געבוירן אין פֿראַנקפֿורט־אַם־מײַן (אַרום יאָר 1450). ער איז געווען אַ מלמד, אַ קאָפּיסט פֿון אַלטע יידישע לידער און סתם חי־ בורים און לויט אַלע וואָרשײַנלעכקײַטן אַליין אויך געזינדיקט מיט דער פֿען. פֿאַר זײַנע פּאַטראָנעסעס פֿלעגט ער צונויפֿשטעלן אַזעלכע „כּל־בו"־מאַנוסקריפּטן, וואָס אייניקע פֿון זיי האָבן זיך אויפֿגעהיט. אין יאָר 1516 איז איינע אַזאַ זאַמלונג זײַנע שוין געווען „רעדאַקציאָנעל" אָפּגעשלאָסן.

אין ווענעדיק גופֿא האָט געלעבט אַ פּוילישער ייִד, איינער ג ו מ פּ י ל (אָדער גומפּריכט), אַ מלמד פֿון ש ע ב ר ז ש ע ש י ן. אַרום יאָר 1555 האָט ער אָנגעשריבן צוויי פּאָעמעס לכבֿוד חנוכּה און פּורים און זיי געווידמעט אַ רײַ־ כער פּאַטראָנעסע. די קולטור־היסטאָרישע רמזים, וואָס מען געפֿינט אין די דאָזיקע

צוויי פּאָעמעס, זײַנען זייער וויכטיק. אויך זײַנען זיי אינטערעסאַנט פון דעם שטאַנד־פּונקט פון סטיל־פּרימיטיוו, וואָס דערמאָנט אין געוויסע פּרטים אין דעם „שמואל־בוך". אַזאַ מיטצײַטלערישע ס ט י ל י ז אַ צ י ע איז, למשל, ווען די קיניגין אסתר הייסט זיך דערלאַנגען טינט און פּעדער, אָדער ווען המן זאָגט צו מרדכין, ער זאָל אים... ראַזירן.

ר׳ גומפּיל איז געווען אַ קראַנקער ייִד און פּלעגט משמעות תמיד הוסטן, ווײַל ער בעט פון די לייענער ווי אַ באַלוינונג אַ ביסל קאַווע, כדי דעם „הוסט אויס־היילן". זייער טשיקאַווע איז די דערקלערונג, וואָס ער גיט אָן, פאַרוואָס ער שרײַבט און וועגן די מקורים פאַר זײַנע חיבורים:

„אונזרי ספרים וועלגרן זיך אין מיסט
דארום האָב איך אזוי לאַנג גיטראַכט
דז איך די מגילה האָב אויפש טויטש געבראַכט
איין טייל האָב איך דעם תרגום גישטולן (צוגעגנבעט)
איין טייל האָב איך אויש דער גמרא טון הולן
איך האָבש גיטאָן פון דעש וועגן
דז דיא ווייבר נימר דערפן ורעגן (פרעגן)
ווי אַ חנוכה אודר פורים איז אויף קומען
אויש דעם בוך האָבן זיא עש בלד פרנומען".

די דאָזיקע ווערק זײַנען אַרומגעגאַנגען אין קאָפּיעס, אמת ניט גרויס אין צאָל, ווײַל קאָפּירן האָט געקאָסט אַ סך געלט. טיילמאָל האָט אַזאַ זאַמלונג פאַרמירט ממש אַ הויז-ביבליאָטעק. אַזאַ געשריבענע ייִדישע ביבליאָטעק, וואָס שטאַמט פון צוויי־טער העלפט פון 16טן י״ה און טאָקע פון ווענעדיק האָט אויספירלעך באַשריבן נ ח ו ם ש ט י ף ע״ה אין מינסקער „צײַטשריפט" (באַנד 1-2). אין דער דאָ־זיקער ביבליאָטעק, למשל, געפינט זיך אליה בחורס פּאַשקוויל „המבדיל", וואָס איז משמעות אַרומגעגאַנגען אין קאָפּיעס, מסתמא צוליב זײַן פּיקאַנטן אינהאַלט (דער עלעמענט פון רכילות איז אין אַזעלכע שריפטן זייער גרויס!). אין דער זאַמלונג פון דער רײַכער פרוי אין ווענעדיק איז שוין די קאָפּיע אַרײַן נאָך אליה בחורס טויט, ווײַל צו זײַן נאָמען איז צוגעגעבן געוואָרן ז״ל.

ווענעציאַנישער קאָלאָריט לאָזט זיך פעסטשטעלן אין אייניקע דענקמעלער פון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור. אין דעם כתב־יד פון „שמואל־בוך" ווערט באַ־שריבן ווי תמר ראַנגלט זיך מיט אמנונען און קען אים ניט בײַקומען. דערקלערט דער ייִדישער שרײַבער פון ווענעדיק, אַז „ער האָט איר געטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס עס טוען לײַט פון יענער זײַט ים פון ווענעציע" (טעקסט — מאָדערניזירט).

צווייטע אויסגאַבע פון תהילים, מאַנטאַוואַ, 1562

שטיינשניידער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז קראָקע און ווענע־דיק זײַנען די וויגעלעך פון יידישן געדרוקטן וואָרט. דאָס איז ריכטיק. די גרויסע צאָל ייִדישע ביכער און ספרים געדרוקט אין ווענעדיק באַשטעטיקן דאָס. דאָך זײַ־נען די צוויי גרויסע און ברייט־פאַרמאָסטענע פאָעמעס־ראָמאַנען פון אליה בחור געווען געדרוקט דווקא ניט אין ווענעדיק און ניט אין קראָקע. דאָס „בבאָ־בוך" איז דערשינען אין איסני אין 1541, און „פאַריז און וויענה" ערשט קנאַפע אַ האַלב יאָרהונדערט נאָכן מחברס טויט, אין ווערָאָנאַ, אין יאָר 1594.

אין ווענעדיק איז דאָס אַרויסגעבן ביכער געווען קודם־כל אַ געשעפט. דאָס האָט גורם געווען אַז מען זאָל דרוקן על פּי רוב רעליגיעזע ספרים. די פאַרלעגערישע פּאָליטיק פון באַמבערגס דרוקעריי האָט געפירט ישראל אדילקינד. דערפון נעמט זיך די תהילים־איבערזעצונג מיט אליה בחורס נאָמען, צו וועלכן ער איז ניט געווען אינגאַנצן באַרעכטיקט. אדילקינד האָט געהאַט אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן טיילן פון תנ"ך אויף ייִדיש, בתנאי אַז אליה בחור וועט זיי „איבערזעצן", דאָס מיינט, קאָרעגירן עלטערע טעקסטן. אויף דעם האָט ער אָבער קיין חשק ניט גע־האַט. אויב דרײַ יאָר נאָך אליהס טויט דערשײַנט בײַ אדלקינדן דער „ספר מצוות נשים" (ווענעדיק, 1552) אויף ייִדיש, איז דאָס געווען נאָך אַ באַווײַז פאַר דעם נצחון פון דעם פּראַקטישן חוש. מען האָט דעמאָלט גוט געקענט דעם ביכער־מאַרק. ער איז געווען כמעט אַ היימישער. קיין אויסלאַנד האָט מען ווינציק וואָס עקספּאָרטירט. אדילקינד וויל קיין „ראָמאַנען" ניט האָבן, אפילו אַזעלכע וואָס וואָלטן זיכער געהאַט אַ גוטן אָפּזאַץ אין לאַנד און מחוץ איטאַליע.

„ב ב אָ - ב ו ך"

ש ט יי נ ש נ יי ד ע ר האָט ממש אַפאָריסטיש פֿאָרמולירט די מערקווירדיקע געשיכטע פֿון „ב ב אָ - ב ו ך":

„אַן אשכנזי וואָס לערנט אין ווענעדיק העברעיִש, וואָס גיט איבער אין ייִדישע גראַמען אַן ענגלישן ראָמאַן לויט אַן איטאַליענישער באַאַרבעטונג, וואָס שטייט אַ סך נעענטער צו דעם ענגלישן פּראָטאָטיפּ... דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישע דערשײַנונג פֿאַר דער ליטעראַטור פֿון ייִדן" (מאָנאַטשריפט 1898, זײַט 422).

די דאָזיקע געשיכטע פֿון בבאָ, דעם זון פֿון אַ הערצאָג און אַ פּרינצעסן, מיט אַלע זייערע אויסטערלישע איבערלעבענישן און וואַנדוירים, געשעענישן און ניסים ונפֿלאותדיקע גלגולים, איז זייער גוט באַקאַנט. עס איז געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע טעמע — באַאַרבעט אין אַלע לשונות פֿון דער וועלט. דער איטאַליענישער טעקסט שטאַמט פֿון מיטלעלטער און האָט פֿאַרמאָגט 1400 אַכט-שורהדיקע סטאַנסן, וועלכע אליה בחור האָט מקצר געווען ביז צו 650, וואָס איז אויך אַ גרויסע צאָל. די אינטריגעס און פֿאַרפּלאָנטערטע געשעענישן זײַנען געוואַקסן אָדער געפֿאַלן פּאַראַלעל מיט דער אינטענסיווקײַט אָדער אָפּשוואַכונג פֿון דעם צוהערערס געמיט. אין תוך גענומען איז דאָס אַ ר עַ צ י ט אַ ט י ו ו ע ר ראָמאַן, וואָס פֿלעגט פֿאָרגעלייענט ווערן, און די קאַנווע געשפּונען מיטן וווּקס פֿון אינטערעס אין דער סביבה, וואָס האָט אפֿשר זי ניט געקענט לייענען און ממילא געמוזט אויסהערן.

אליה בחור האָט אין דער פֿאַרקירצטער ווערסיע אַרײַנגעפֿירט אַ ביסל ייִדיש געמיט.

די פּרינצעסן דרוזאַנע איז געווען באַזאָרגט, וואָס זי האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַטן צו מלן אירע זין. דער פֿאָטער טרייסט זי: „דו דאַרפֿסט ניט זאָרגן, איין היפּשע ברית מילה וויל איך מאַכן מאָרגן". אָדער: די חתונה פֿון אַן אַנדער העלדין ווערט באַשטימט „במזל טוב איצט גלײַך צו ראש-חודש ניסן". דאָס זײַנען גיכער נאַטירלעכע פּרימיטיווקײַטן איידער קינסטלעריש-און אינטעלעקטועל-פֿאָרמירטער פּרימיטיוו, ווי מיר באַגעגענען אין ב אַ ו ו ס ט ז י נ י ק - סטיליזירטע ווערק, וואָס איז אָבער ניט דער פֿאַל מיטן ייִדישן „בבאָ-בוך". עס איז שוין פֿריִער

אַנגעוויזן געוואָרן אויף ר' ג ו מ פּ י ל ס פּרימיטיוויזם. ענלעכס קאָן מען אויך געפינען אין דער גאַנצער מיטציַיטלערישער ליטעראַטור.

אַפּילו די דיגרעסיווע סטאַנסן, ווי למשל די וואָס אליה שריַיבט וועגן דער בייזער פרוי, זיַינען אַן אַלטער נוסח, גוט באַקאַנט אַפילו אין דער העברעיִשער ליטעראַטור פון מיטלעלטער.

ווען בבאָס מוטער, בראַנדאָניע, וויל אומברענגען איר אַלטן מאַן, שריַיבט אליה בחור אַריַין אַ געגראַמטן פּירוש וועגן דער בייזער פרוי (אשה רעה מר ממות):

„אַלע אומגליק קומט פון דער בייזן פרויען
זעט וואָס שלמה המלך טוט שריַיבן
ווי ער זוכט איין פרוי איין ריינע
אין זיין טאָג פיינד ער קיינער."

צ י נ ב ע ר ג מיינט, אַז „דער לייַכטער, שפּאַטישער טאָן צו די העלדן און באַשריבענע געשעענישן טרעט נאָך מער בולט אַרויס אין דער ייִדישער באַארבעטונג", און אַז „דער איראָנישער רענעסאַנס־שמייכל ווערט אָבער ביַי אליה בחור פאַרביטן דורך אַ גראָטעסקער גרימאַסע פון דעם פּשוטן פאָלקסמענטש".

דער גאַנצער פּירוש איז, לייַדער, ניט קיין ריכטיקער. די געשיכטע פון דער איטאַליענישער ליטעראַטור בעתן מיטלעלטער איז פול מיט אַזעלכע „גראָטעסקע גרימאַסן". דאָס האָט מיטן „פּשוטן פאָלקסמענטש" גאָר ניט וואָס צו טון. דאָס איז דעם פּאָעטס פּסיכאָלאָגישע אַנטלויפן פון דעם קולמינאַציע־פּונקט פון דער סיטואַציע, וואָס ער וויל וויַיטער ניט פירן אויף דער ליניע פון דראַמאַטישער געשפּאַנטקייַט. ג ר אָ ט ע ס ק ה ו מ אָ ר געפינט מען אין די געדערים פון די סאַמע־פּרומסטע קאַטוילישע לידער און פּאָעמעס פון מיטלעלטער. „וויטאַ־פּאַסיאָ" האָט מען דעמאָלט געטיַיטשט: לייַדן איז לייַדנשאַפט. ממילא איז צווישן דערהויבענעם און „נידעריקן" קיין גרויסע מחיצה ניט געווען. מיר געפינען דאָס, למשל, אין דאַנטעס „גיהנום" (קאַפּיטל 15 אויך 20, שורה 139, 185), אין דער גרויסער ריטערלעכער פּאָעמע פון אַריאָסטאָ (1474־1533) וואָס הייסט „אָרלאַנדאָ פוריאָזאָ" (געזאַנג 35, סטאַנסע 22). אויך אין „ראָלאַנד־ליד" איז פאַראַן דער זעלביקער הומאָר. מיר געפינען דאָס אויך ביַי פּ ר אַ נ צ ע ס ק אָ ב ע ר נ י (1497־1536), אַזוי וויַיט, אַז בערנישע פּאָעזיע איז געווען אַ סינאָנים פון בורלעסק. אימיטאַציע גייט צוזאַמען מיט ערנסטער שאַפונג, וויַיל די ערשטע איז אַ באַפריַיונגסטימול פון דער שפּאַנונג. דערפון נעמען זיך די אַזוי פּאָפּולערע תנכישע פּאַראָדיעס (אויף לאַטיין און ערשט שפּעטער אויף העברעיִש). די טאָסקאַנישע פּאָעזיע איז

בָבָא דְאַנְטוֹנָא :

הייסט דש בוך איין הופש ג׳
טרעכֿט · מן קענט וואל
אליה בחורש ג׳
מעכֿט :
איז וואָרדן
ג׳דרוקט
צו
אייזנה אין דער שטאט · אוג׳
אֵלִיָה הַמְחַבֵּר איז ג׳לייך
דש פרט :

שערבלאַט פון בבא־בוך

געווען אַן אימיטאַציע, ניט ווי אַן אימיטאַציע, נאָר ווי אַ מעטאָד פאַר פּאָעטישער סטיליזאַציע.

מיט איטאַליענער רעליגיעזע פּאָעזיע ווערן אויך נאָכגעמאַכט, און ווי דאָס ווערט דערגאַנגען צו דער פּאָעטישער שפּיל. דער צונויפּגעמישטער מעטאָד, cantari. דער באַגריף האָט זיך ווייט אויסגעברייטערט אין ייִדישער שפּילמאַנישער מעטאָד. ווייל ווי ער האָט געהייסן אין מיטלעלטער אויסלאַנד. דער פּאָעט אין איטאַליע קען, למשל, זיין דיכ־טערישן באַרוף פּאַרמאַסקירן מיט סאַרקאַזם לגבי דעם אַפּנעמער אָדער צוהערער גופא.

„איך האָב געשאַפן די לידער — שרייבט איינער פון זיי — גיט מיר וויפל זיי זיינען ווערט פאַר אייך".

דער פּאָעט רעקלאַמירט זיך ווי אַ סוחר וואָס האַנדלט מיט אומשטערבלעכ־קייט. דעריבער זאָגט ער: גבירים, שטיצט מיך, וועט איר ווערן דורך מיר אומ־שטערבלעך.

פאַר אַזאַ למדן ווי אליה בחור, וואָס פון איין זייט האָט אים געצויגן צו באַאַרבעטן אויף ייִדיש דעם סאַמע פּאָפּולערסטן ראָמאַן פון יענער צייט, און פון דער צווייטער זייט האָט זיין פּרעסטיזש אים דיקטירט דאָס ניט צו טון, איז די בור־לעסקע דיגרעסיע געווען אַ פּ אַ ר מ אַ ס ק י ר ט ע פ אָ ר מ ע פ ו ן אַ ל י י נ־פ אַ ר ט י י ד י ק ו נ ג. זעט! — האָט עס געהייסן — איך נעם דאָס אַליין ניט ערנסט... דאָס האָט צופרידן געשטעלט זיין צושויער־קרייז, וואָס האָט געהערט ענ־לעכע איטאַליענישע שפּילמאַנישע „קאַנטאַס" אויף איטאַליעניש (געווען אַפילו ייִדן מעצענאַטן אין 14־15טן י"ה פאַר אַזעלכע איטאַליענישע פּאָעמעס).

וואָס שייך די אגב־אורחאדיקע סטאַנסן וועגן דער „בייזער פרוי", דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז אַזעלכע מאָטיוון זיינען געווען פּאָפּולער אין דער העברעישער לי־טעראַטור פון מיטלעלטער. עס איז, למשל, באַקאַנט פון 13טן יאָרהונדערט דער פּיקאַנטער „שונא הנשים" פון י ה ו ד ה ב ן י צ ח ק ש ב ת י וואָס האָט אַרומגעוואַנדערט אין פאַרשיידענע קאָפּיעס, און אויך א ל ח ר י ז י ם באַרימטע סאַטירע אויף פרויען, אין זיין ראָמאַן „תחכמוני" (פון 12טן יאָרהונדערט).

די פּאָעמע „בבא־בוך" אָדער בעסער געזאָגט די ייִדישע ווערסיע פון דעם רי־טערלעכן ראָמאַן, וואָס איז געווען רעציטירט מיט אַ „וועלשן" (איטאַליענישן) ניגון, געהערט צו דעם מין. אין דעם צווייטן סטאַנס זינגט אליה אין גוסט פון איטאַליע־נישע „קאַנטאַס" אַזוי:

„זיין הייליגער נאָמען זאָל מיך שטערקען
דאָס מיר ניט מוז מיסלינגען
צו פאָלענדן דאָס דאָזיקע ווערקן

אײן װעלש בוך צו טײטשט צו ברינגען.
און דאָס איך זאָל פֿאַר מיר מערקן
אין ניט פֿעלן אַן קײנערלײ דינגען
און דאָס די לײַט זאָלן מײנער לאַכן
נו הערט אויף; עס װיל זיך מאַכן!"

(אָרטאָגראַפֿיע מאָדערניזירט)

די דאָזיקע אַפּאָסטראָפֿע האָט בולטע סימנים פֿון דירעקטקײַט; דאָס איז ממש געזאָגט און ניט געשריבן, גערעדט צו אַן עולם, װאָס הערט זיך צו. פֿאַר אַן עולם אַ ביסל אַ פֿאַרשײַטן און אַ ביסל אַ פֿרומלעכן — האָט מען געמוזט אין די שעהן פֿון רעציטירן עפּעס געבן קיצלדיקס און אויך אַ סך פֿון „מאָראַלישן טאָן".

„דאָס קאָמישע מישן מיט ערנסט" — דאָס איז דאָך דער אידעאַל פֿון דעם פּאָעט פֿון יענער תקופֿה.

„גאָטהײַט איז אַ זיװוג פֿון קאָמישן און טראַגישן" — שרײַבט אַן איטאַליענישער פּאָעט פֿון 13טן י"ה.

װ א ל ט ע ר פֿ ו ן ש א ט י ײַ ן (אַ פֿראַנצײזישער דיכטער פֿון 13טן י"ה) זאָגט, אַז פּאָעזיע קומט פֿון ייִדן און פּראָזע פֿון שטוביקײַט. (ייִדן, הײסט עס, האָבן געװאַנדערט און דאָס האָט זײ געמאַכט פּאָעטיש). און דערפֿאַר שרײַבט ער: „איך בין אַ דיכטער; איך לאָז איבער פֿאַר אַנדערע דעם מדבר פֿון פּראָזע".

אין דעם גײַסט װעט מען אַ מאָל דאַרפֿן אַנאַליזירן „בבא־בוך" אין איר ייִדישער װערסיע (די סלאַװישע זײַנען אויך פּיקאַנט און פּרימיטיװ). עס איז ניט קײן גרױס װערק, אָבער דער פֿאַרמעסט אימפּאָנירט, בפֿרט אין אַ יונגער ליטעראַטור אָן אײגענע דיכטערישע טראַדיציעס. עס זײַנען ניטאָ קײן כאַראַקטערן אין „בבא־בוך" (אויך ניט אין דעם אָריגינעלן טעקסט). עס זײַנען פֿאַראַן פֿאַרקערפּערונגען פֿון מידות, מיט אײן װאָרט, סכעמעס. די סיטואַציעס זײַנען מער שפּאַנענדיק װי די געשטאַלטן. עס איז פֿאַראַן דאָ און דאָרטן דינאַמישקײַט, אַפֿילו פֿון טעאַטראַלן נוסח. װי אַ פֿאָלקסבוך האָט עס אויסגענומען בײַם ייִדישן עולם, דװקא צוליב דעם, װאָס עס פֿעלט די מחיצה צװישן פּאַטאָס און הומאָר, דערהױבנקײַט און גראָטעסק. אפֿשר אויך צוליב דעם, װאָס די פּרינצן װערן הײמישע מענטשן — ניט אַנדערש װי פֿאַרשטעלטע פּורימדיקע פּרינצן. עפּעס אַ פּורים־שפּיל אין געדרוקטער פֿאָרעם, אין גראַמען, אמת, שװער זײ צו פֿאַרגעדענקען. די רײַכקײַט פֿון גראַמען, די געװאַגטקײַט פֿון װערסיפֿיקאַציע אין אַ רױער ליטעראַרישער כּלי, איז בלי ספֿק אַ פּענאָמען. אפֿשר איז אַזאַ װערק צו פֿרי געקומען פֿאַר יענעם עולם, הגם שױן שפּעט געװען פֿאַר דער װעלט־ליטעראַטור. געקלאַמערט זיך צו דער דײַטשער מעטריק, באַחנט מיט אַ ביסל „װעלשיזמען" און העבראַיִזמען,

איז די פּאָעמע געווען באמת אַ געשעעניש. עס איז געוואָרן אַ קלאַסיש בוך, דאָס מיינט, אַ בוך וואָס מען לייענט עס ניט, נאָר מען הערט עס פאַרלייענען. מסתמא איז אַזוי אויך געווען שפּעטער. האָט מען דאָך שמרם ראָמאַנען אויך פאַרגעלייענט. אין וואַרשע, אין די שבתים, פלעגט מען אין ספּעציעלע „באוואַרניעס" באַגעגענען משר־תים און דינסטמיידלעך וואָס האָבן געלייענט שמרן. די פּרינצן און גראַפּיניעס פון זײַנע שפּאַנענדיקע ראָמאַנען זײַנען געוואָרן... שדכנים.

עס בלײַבט פאָרט אַ גרויסע רעטעניש, ווי קומט דער „צעיר החזרנים" פון 1503 (זײַן זעלבסטיטל פון יענער צײַט) וואָס האָט אין דעם רײַכן העברעיִש ניט באַוויזן קיין שום נאָוואַטאָרישע פּאָעמישע עקספּערימענטן און איז אפילו געווען צוריקגע־שטאַנען אין פאַרגלײַך מיט דער בויגזאַמקײַט פון דעם תנכישן לשון אין איטאַליע צוויי הונדערט יאָר פאַר אים — ווי קומט צו אים אַזאַ רײַפקײַט פון דעם ייִדישן גראַם. מען קען דאָס דאָך ניט צושרײַבן דעם פאַקט, וואָס דאָס איז אַ באַארבעטונג. ער האָט דאָך אייגענע סטאַנסן אויך. און אַז מען פאַרגלײַכט זיי מיט זײַנע צוויי גע־גראַמטע פּאַשקווילן, איז דאָס ממש אַ שפּרונג אין אַן „אומדערוואַרטעטער רייפקײַט".

דאָס „בבא־בוך" פאַרענדיקט זיך מיט אַזאַ ייִדישלעכער אָקטאַווע:

„און זאָל אונש דערלייזן אויס אונזערן פּיין
און זאָל אונש די גענאַד געבן
דאָס מיר אַל מוזן זוכה זיין
משיח צייט צו דערלעבן.
דער זאָל אונדז פירן קיין ירושלים היניין
אָדער ערגעץ אין איין דערפל דערנעבן
און זאָל אונז דאָס בית המקדש ווידער בויען
אמן וכן יהי רצון, אמן טרויען".

די געשיכטע פון דער פּאָפּולערקײַט פון „בבאָ־בוך" קלינגט ממש ווי אַ באָבע־מעשה. עס זײַנען באַקאַנט עד־היום (און ווער ווייסט, וואָס אַלטע אַלמערס מיט ספרים האַלטן בסוד און שווײַגן!) זעקס אויסגאַבעס לויט דעם ערשטן דרוק, מיט ניט קיין וויכטיקע קיצורים. אַרום 1767 הייבן זיך אָן באַווײַזן די פּראָזאַיִשע ווער־סיעס. „בבאָ־בוך" איז דאַן אוועק אין דעם „מדבר פון פּראָזע". דער נאָמען ווערט געענדערט אויף „בבאָ־מעשה". דאָ און דאָרטן ווערט אויפגעהיט אַ רודימענט פון דעם אָריגינעלן, געגראַמטן נוסח. די דאָזיקע טראַנספיגוראַציע שפּילט זיך על פּי רוב אין מזרח־אייראָפּע, ווו די גאַנצע אַלטע ייִדישע ליטעראַטור באַנײַט זיך צו

איין שיינע

היסטאריי׳ע

וואס ווערט גירופין

בבא מעשה״

האבן מיר גטאן דרוקן אויף עברי טייטש פון דאס נייא׳.
וויא מיט דעם בבא פון זיין גבארין טאג אן האט זיך
פאסירט. ביז ער די מלוכה האט איין גפירט :

ווארשא

בדפוס הרבני מהו׳ צבי יעקב באמבערג.

שנת תר״י לפ״ק

BOWE MASE
w Drukarni H. E. Bomberg
w Warszawie 1849

יענער צייַט אין דעם פרילינג-בגד פון דער נייַער ייִדישער פֿאָלקשפּראַך. די „בבא־מעשה״ ווערט אַזוי אַרום אַ פֿאָלקסבוך, פּונקט ווי בייַ רוסן און ביי די פּאָליאַקן.

עס איז פֿאַראַן אַ געוויסע אַנאַלאָגיע צווישן דער פּאָפּולערקייַט פון דער ייִדי־

שער פּראָזאַישער ווערסיע פון „בבא־בוך" אין די סלאַווישע לענדער און דער רוסישער ווערסיע. צווישן די „באַיאַרן" און פריצים פון רוסלאַנד איז דאָס דאָזיקע בוך געווען זייער פּאָפּולער אין 16טן און 17 י"ה. אין דעם ערשטן דריטל פון 18טן י"ה באַקומט די דאָזיקע מעשה שטריכן פון א „גאַלאַנטער היסטאָריע". אין דער צווייטער העלפט פון דעם זעלביקן יאָרהונדערט פאַרוואַנדלט זיך דער דאָזיקער ראָמאַן אין א העלדישע מעשה מיט בולטע רמזים אויף די פּאָליטישע געשעענישן פון יענער צייַט. גלייַכצייַטיק ווערט „בבא־בוך" פּאָפּולער (שוין אין 17טן י"ה) צווישן סוחרים, מיעשטשאַנעס און אפילו פּויערים. עס פאַרשווינדט דער אויסלענדישער קאָלאָריט און עס קומען אַריין לאָקאַלע פאָלקלאָריסטישע מאָטיוון, אזוי ווייַט, אז אין 18טן י"ה האָט מען „בבא־בוך" געהאַלטן פאַר אַן אמתע רוסישע מעשה. אזוי האָט זי אויפגעפאַסט פּ ו ש ק י ן. א שטודיע פון יידישן פאָלקלאָר, ווו עס זייַנען פאַראַן בפירושדיקע שפּורן פון „בבא־בוך" ווי א „בבא־מעשה" (באָבע־מעשה), מיט אַן אנאַליז פון די פאָלקס־אויסגאַבעס אין יידיש, וואָלט אפשר אַרויסגעבראַכט ענלעכע דערשייַנונגען.

אין משך פון די יאָרן 1824־1860 דערשייַנען אין ווילנע ניין אויפלאַגעס. חוץ דעם זייַנען פאַראַן א פּאָר וואַרשעווער, לובלינער און אפילו לעמבערגער דרוקן. ביזן יאָרן 1932 זייַנען אַרויס איבער 40 אויסגאַבעס. פאַרקירצטע וואַריאַנטן זייַנען געווען געדרוקט ווי הוספות צו דעם נאַציאָנאַל־היסטאָרישן „בבא־בוך" ד"ה צום „יוסיפון" (18טן און אָנהייב 19טן י"ה). זייער טשיקאַווע איז די ווילנער אויסגאַבע פון 1824, פון דער צייַט פון דער אָפיציעלער „פּוילישער השכלה", ווו איר מחבר ווערט אָנגעגעבן אויף פּויליש „עליאַש ניעמיעץ" ד"ה אליה דער דייַטש (אשכנזי). דער שערבלאַט איז א שטיק קולטור־געשיכטע און לייענט זיך אזוי:

„איין שיינע היסטאָריע וואָס ווערט גירופין בבאָ מעשה, האָבן מיר גיטאָן דרוקן פון דאָש נייא, וואָש גידרוקט איז פון לאַנגי צייטן וואָס זיינען פאַרבייא; איצונד איז אויף גרינגן לשון און נייע אותיות דערביי, עש זאָל קענין לעזין דריין גרויש און קליין און עש זאָל פאַרשטיין דיא גאַנצע גימיין (דאָס פאָלק), וויא מיט דעם בבאָ פון זיין גיבאָרן טאָג אָן האָט זיך גיפּאַשירט (געטראָפן) ביז ער די מלוכה האָט איינגעפירט".

די משכילים איז די „בבא־מעשה" ניט געפעלן געוואָרן. אין זייערע אויגן האָט ער ניט פאַרמאָגט געגוג רעאַליסטישע סאַטירע.

בעת י ו א ל ב ע ר י ש פ א ל ק אָ וו י ט ש רעקלאַמירט זייַן דראַמע „ר' חיימל דער קצין" (געשריבן אין 1864, געדרוקט אין 1866), שרייַבט ער וועגן זייַן ווערק אזוי:

„אַזעלכע מעשהלעך זייַנען פאַר קינדער נייטיק ווי דער „לב־טוב", „שכל מוסר" און בפרט „בבאָ־בוך", „בבאָ־מעשה".

„פּאַריז און וויענה"

פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז „פּאַריז און וויענה" אַן אַן ערך וואָגיקער, אינטערעסאַנטער און שפּאַנענדיקער ווי „בבא-בוך".

די געשיכטע און דער גורל פון דער דאָזיקער פּרעכטיקער ריטערלעכער פּאָעמע איז אויסערגעוויינלעך דראַמאַטיש. אַ ייִדישער שרײַבער האָט באַאַרבעט אַ קלאַסיש ווערק פון דעמאָלטיקער ליטעראַטור און האָט עס בײַם לעבן ניט געקענט דרוקן. פופציק יאָר נאָך זײַן טויט באַווײַזט זיך דאָס דאָזיקע ווערק אין דרוק, אין אַ שטאָט וואָס שעקספּיר האָט אומשטערבלעך געמאַכט און ווו אליה בחור איז קיינמאָל ניט געווען. אָט די וועראָנער אויסגאַבע פון 1594 האָט קיין ביבליאָגראַף חוץ ב ן - י ע ק ב (און דאָס אויך ניט פּינקטלעך) ניט פאַרצייכנט. ערשט אין יאָר 1816 האָט וו ע נ ט ו ר י, אַן איטאַליענישער גלח, בײַ אַ געלעגנהייט דערמאָנט אַ פּאָעמע „פּאַריז און וויענה" געדרוקט מיט „ייִדיש-דײַטשע אותיות". און כדי מען זאָל אים גלייבן, ציטירט ער טאַקע אויפן אָרט, פאַרשטייט זיך, מיט לאַטייניש אותיות, דעם געגראַמטן נאָכוואָרט. פון זײַן ציטאַט איז מען ערשט געוויר געוואָרן אַז „פּאַריז און וויענה" איז געווען געדרוקט אין „ראש חדש ניסן אין יאָר דאָז מאַן צילט פינף טויזנט און דרייא הונדערט און פיר און פויפציג, אונטער דער פרום הערשאַפט ווּנדיגר יר"ה".

אין 1926 ווערט אין אַן אַמעריקאַנער ייִדישער ביבליאָטעק אַנטדעקט אַ ברוכ־טייל פון דער דאָזיקער פּאָעמע. דעמאָלט האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז שוין אין 1912 איז אין אַ הערה צו אַן ענגלישן בוך וועגן דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור געלעגן באַגראָבן אַ סענסאַציאָנעלע ידיעה, אַז אין אַן ענגלישער ביבליאָטעק געפינט זיך אַן עקזעמפּלאַר פון „פּאַריז און וויענה", אמת ניט קיין קאָמפּלעטער. ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה האָט זיך אויפגעזוכט אַ צווייטע אויסגאַבע, געדרוקט אין פּראָג, אין 17טן יאָרהונדערט, וואָס איז עד־היום דער ליטעראַטור-פאָרשונג ניט צוטריטלעך. דער לעצטער פּרט איז פון גרויס וויכטיקייט, ווײַל דאָס באַווײַזט, אַז „פּאַריז און וויענה" איז בשעתו געווען געלייענט, וויבאַלד פון וועראָנאַ, וואָס

איז איטאַליע, האָט זיך געקענט געפינען אַ דרוקער אין דעם סלאַווישן פּראָג און זי אָפּגעדרוקט.

„בבאָ-בוך" האָט אויך געהאַט אַ פּראָגער אויסגאַבע (1767) אַרויסגעגעבן אין דער דרוקעריַי פון משה כ"ץ. אין 1789 איז דאָרטן דערשינען אליהס „ספר הבחור". אַפילו דער „וועלטלעכער" „רובינזאָן קרוזאָ" (1784) און די „היסטאָריע פאָם הער־צאָג אליש האָלענדישן פלאַנדרן", געדרוקט אין 1762 זיַינען אַרויס אין פּראָג. ביי־דע געהערן צו דעם מין לייען־מאַטעריאַל וואָס האָט אַן אָנשפּאַר אין אליהס ריטער־לעכע ראָמאַנען. איז דאָך דאָס „בבא־בוך" אויך דערשינען אין דעם זעלביקן פּראָג אין 1660, זיכער ניט געדרוקט פון מאַנוסקריפּט, ווי דער גרויסער ש ט יי נ ־ ש נ יי ד ע ר האָט עס שוין מיט רעכט באַמערקט. איז מעגלעך, אַז דער זעלביקער דרוקער האָט אויך געדרוקט „פּאַריז און וויענה", אין דעם זעלביקן פּראָג, ווו עס איז אין 1767 אַרויס אַ געקירצטע אויסגאַבע פון „בבא־בוך".

„פּאַריז און וויענה" איז אַ ריטערלעכער ראָמאַן אין פערזן, וואָס איז אויפגע־קומען אין פּראָוואַנס אין 14טן יאָרהונדערט, און געווען געדרוקט צום ערשטן מאָל אין אַנטווערפּן אין יאָר 1487. די דאָזיקע פּאָעמע איז געווען זייער אָפט איבערגע־דרוקט און איבערגעזעצט אין 9 שפּראַכן, פון וועלכע עס זיַינען פאַראַן איבער זעכ־ציק געדרוקטע טעקסטן און 12 מאַנוסקריפּטן. אין שפּאַניע, למשל, איז זי אַרויס צום ערשטן מאָל אין 1495 און האָט געהערט צו די פּאָפּולערסטע ביכער, פריִער ביַים ריטערטום און שפּעטער ביַים פאָלק. ביַי די אומות העולם האָט „פּאַריז און וויענה" דורכגעמאַכט דעם זעלביקן גלגול, וואָס ביַי אונדז „בבאָ־בוך". מען האָט די פּאָעמע באַאַרבעט אין פּראָזע און זי איז געוואָרן, בפרט אין ענגלאַנד, דאָס באַליבטע „שלאָפּצימער"־פאָלקסבוך פון דעם קליינבירגערטום אין דער תקופה פון שעקספּיר.

אין דעם ראָמאַן ווערט באַשריבן די ליבע פון אַ וואַסאַל צו אַ טאָכטער פון אַ סוּווערען. די האַנדלונג קומט פאָר אין די ציַיטן פון קאַרל דעם גרויסן. דער רי־טער הייסט פּאַריז און די וואָס ער האָט ליב הייסט וויענה. ער קעמפט קעגן די קאַס־טע־פאָראורטיילן, וואָס שטייען אין וועג אין זיַין באַגער חתונה צו האָבן מיט איר. ווי אין אַלע ראָמאַנטישע געשיכטעס, לאָזט ער זיך אין וועג אַריַין. ער רייַזט אַ סך, לעבט איבער פאַרשיידענע טרעפעניסן, ביז ער קומט צוריק אַ פאַרשטעלטער אהיים און ציַיגט איבער וויענהס פאָטער, אַז ער האָט זיַין טאָכטער באמת ליב, און אַז נאָר אמתע ליבע פירט אים צו איר, און ניט סתם גאווה אָדער יחוס. ענדלעך געווינט ער איר האַנט און ווערט אויך דער באַלעבאָס פון דעם פעאָדאַלן הויף.

קיין ראָמאַן האָט בשעתו ניט אַרויסגערופן אַזאַ אינטערעס ווי „פּאַריז און וויענה". ווערנדיק זייער פּאָפּולער אין איטאַליע, האָט אַזאַ בוך, פאַרשטייט זיך, געמוזט אַרויסרופן דעם אינטערעס פון דעם מחבר פון „בבאָ־בוך". ער האָט תיכף

פאריז און וויענה, וועראנא, 1594

דערשמעקט, אַז דאָס איז די אמתע סחורה פאַר די אשכנזישע „מיידלעך און ווייַבלעך", אַט־די ווייַבער און טעכטער פון די ייִדן וואָס לעבן זיך אויס אין די ד' אמות פון זייער אייגענער וועלט און ווו די טאַטעס קוקן זיך ניט אום אויף דעם, וואָס עס טוען די מיטגלידער פון דעם „שיינעם געשלעכט", בפרט אין אַ שטאָט ווו שיילאָק האָט געלאָזט אויף הפקר זיין בת־יחידה. די הייסע טעמפּעראַטור פון דער איטאַליענישער עראָטישער ליטעראַטור האָט אומגעבעטענערהייט זיך אַרייַנגעגנבעט אין די ייִדישע היימען. די ייִדישע פרוי, וואָס האָט געקענט איטאַליעניש, איז שוין געווען אַ בת־בית אין דער וועלט פון די דאָזיקע עראָטישע ראָמאַנען. אין 17טן י"ה האָט ר' י ה ו ד ה א ש ה ל מ ה ־ ט ו ב, מסתמא אויפן סמך פון אייגענער דערפאַרונג, געוואָרנט ייִדישע עלטערן קעגן דער מגפה פון לייענען „מעשיות וועגן ליבע". ער האָט געהאַלטן, אַז די איינציקע תרופה קעגן דער „מגפה" איז: מען זאָל ייִדישע מיידלעך בכלל ניט לערנען לייענען קיין איטאַליעניש.

די דאָזיקע הזהרה איז אָבער געווען אַ ביסל צו שפּעט. שיילאָקס טאָכטער איז שוין אַנטלאָפן מיט ל אָ ר ע נ צ אָ און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ ראָלע האָט „פּאַריז און וויענה" געשפּילט אין אַזאַ „עסקאַפּאַדע".

ייִדישע פרויען אין איטאַליע האָבן געשריבן ליבע־בריוולעך אויף איטאַליעניש מיט ייִדישע אותיות. אין 1505 דערשייַנט פאַר זיי אַ סדור א"נ תפלות „וואָלגאַר" (ד"ה פּאָפּולער), איטאַליעניש מיט ייִדישע אותיות.

די אשכנזישע פרויען האָבן גערעדט און אויך געלייענט ייִדיש. דער לשון אשכנז אין איטאַליע שפּיגלט זיך אָפּ ניט בלויז אין שטייגערישן לעבן, נאָר אויך אין דער רבנישער ליטעראַטור, דאָרטן ווו עס האַנדלט זיך וועגן גבית־עדות און אַנדערע דאָקומענטאַציעס פון אַ יורידישן כאַראַקטער.

די איבערזעצונג גופא האָט אליה געמאַכט אין ווענעדיק. דאָס איז קלאָר פון אַ רייי זייַטיקע רמזים, אין טעקסט גופא, וואָס טראָגן אַ בפירושדיקן ווענעציאַנישן קאָלאָריט.

עס איז שווער פעסטצושטעלן אין וועלכער פון די דריי תקופות פון זיין לעבן אין ווענעציע איז דאָס אָנגעשריבן געוואָרן, אָבער זיכער ניט אין דער לעצטער ד"ה אין די יאָרן 1542־1549. עריקס השערה, אַז ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דער ערשטער תקופה, איז געבויט אויף אַ פאַלשער אינטערפּרעטאַציע פון אַ שורה, ווו ער איז כלומרשט מרמז, אַז ער איז נאָך אַ בחור; דאָס איז ניט ריכטיק, ווייַל אליה בחור האָט שוין אין 1498 געהאַט אַ זון, ממילא פאַלט אָפּ די דאָזיקע השערה.

אין ווענעדיק האָט ער מסתמא פּרובירט דרוקן זיין „פּאַריז און וויענה", ווי דאָס איז זיכער געווען דער פאַל מיטן „בבא־בוך". אָבער דער פּאַדואַנער ייִד י ש ר א ל ב ן ב ר ו ך א ד י ל ק י נ ד, האָט ניט געוואָלט דרוקן קיין וועלט־

לעבע ביכער. אין איסני האָט אליה אַזוי פיל געדרוקט פון זײַנע פריִערדיקע ווערק און אויך צום ערשטן מאָל „בבא־בוך", אַז עס איז שוין ניט געווען ווען צו דרוקן „פּאַריז און וויענה", בפרט אַז די דרוקערײַ האָט זיך געהאַלטן אין פאַרמאַכן. אין דעם געגראַמטן סוף צו דעם „בבא־בוך" האָט דער מחבר „געבעטן גאָט" וואָס האָט אים „גיטן די טובה" ער זאָל קענען דרוקן דאָס בוך פון בבא, אַז ער זאָל אים העלפן דרוקן אויך „אַנדרי טויטשי ספרים" זײַנע, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען „פּאַריז און וויענה". אָבער דאָס איז אים ניט געווען באַשערט. אַזוי אַרום איז דאָס בוך דערשינען אין ווערָאנאַ ערשט 45 יאָר נאָך זײַן טויט.

ווי די זאַך זאָל ניט זײַן: „פּאַריז און וויענה" איז צו אונדז דערגאַנגען אין ניט קיין פולשטענדיקער אויסגאַבע (אפשר איז די אומבאַקאַנטע פראָגער אויסגאַבע אַ קאָמפּלעטע?). אָבער מיר ווייסן, וואָס דאָרטן שטייט. עס איז אַ ווערק פון אַ העכערן קינסטלערישן ווערט, ווי „בבא־בוך". עס איז צאַרטער און רײַפער. עס פאַרמאָגט אַפילו מער יִידישן חן. די געשטאַלטן זײַנען מער רעאַל, וואָס דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אויך צו טון מיטן איטאַליענישן אָריגינאַל. די דיאַלאָגן זײַנען דינאַמישע; די געשעענישן — שאַרף און פּיקאַנט. די „ניט דאָס בין איך אויסן" דיגרעסיעס זײַנען מער אינדיווידואַליזירט. זיי זײַנען פול מיט באַטראַכטענישן וועגן וועלט און מענטש. יִדישע לצנות איז פאַרמאַסקירט אונטערן שלייער פון מוסר. ער גיט זײַנע אייגענע אָדער אפשר אויסגעלײַענע געדאַנקען וועגן געלט, פרויען, ליבע. ער זעצט פאָר דעם שפּילמאַנישן נוסח, דעם לעצטן אגב, דעם עפּיגאָנישן, אין דער יִידישער ליטעראַטור. יעדן געזאַנג פאַרענדיקט ער מיט אַ מוסר־השכל. ער אַפּעלירט צום צוהערער, אַז אויב יענער איז מיד, וועט ער אָפּשטעלן דאָס רעציטירן:

„און וואָלט איר ווײַטער הערן פון דעם פירן
זאָ וואַרט, איך מוז מיר פאַר די קעל גיין שמירן".

אין דעם סוף פון זעקסטן געזאַנג גיט ער אַ זאָג:

„איך האָב גיזונגען לאַנג און זייער
און אויפצוהערן האָב איך פאַרגעסן".

„פּאַריז און וויענה" שליסט זיך מיט אַ שפּילמאַנישן אַקאָרד, אַ מין אייגענעם, אַ בורלעסקע וויזיע פון אַ דערלייזער, ווי מיר זעען דאָס אויף די פרעכטיקע צייכענונגען פון מיטלעלטערישן מימוּנים:

„דער בילבול און די האָפֿנונג מיין
איז, דאָס איינער זאָל קומען צו רייטן
אויף איינעם גרויען באָק מיט לאַנגע האָרן
און זאָל אָנבלאָזן גאָר איין שייצלעך האָרן
און זאָל אונד ברענגען אין די שטאָט
די גאָט פֿאַר לאַנגט האָט טון דערווײלן
דאמיט דאָס דאָ זאָל זיין באשטאט
אל אונזער לייב און אונזער זיילן
דאָרט וועלן מיר זיך ריידן זאַט.
און גאָטס הילף וועלן מיר דערציילן,
און ניט פֿון פּאַריז און וויענע נאָך איזאַבעלע,
דאָס זיי וואָר אין גאָטס נאָמען, אָמן סלה״.

דער פּרומער אליה באַהאַלט ניט דעם אמתן מיין פֿון זײַן שרײַבן פֿאַר די „ווײַבלעך און מיידלעך״. די הויפּט־כוונה זײַנע איז פּרנסה. נאָר אַז עס וועט קומען די שעה פֿון גאולה, וועט מען וועגן די העלדן פֿון די דאָזיקע פֿאָעמעס מער ניט ריידן. ער האָט, מסתמא, געוואָלט קומען פֿאַרן כסא הכבוד ווי דער „שר המדקדקים״, וואָס האָט געהאָלפֿן יידן און גויים בעסער פֿאַרשטיין דעם תנ״ך. זײַנע חרוזים, סײַ אין לשון־קודש, סײַ בלשון אשכנז, האָט ער געהאַלטן ווי אַן עולם־הזה־זינד, וואָס וועלט און גאָט וועלן אים מסתמא מוחל זײַן.

„דש בוך דער שונן גלוקן"

אליה בחור איז אויך דער מחבר פון א ווערק, וואָס הייסט „שונן גלוקן". צווישן די ביכער, וואָס ער דערמאָנט אין דעם געגראַמטן סוף פון „בבא־בוך", ווערט גע־זאָגט, אז צווישן די „אנדרי טוייטשי ספרים", וואָס ער האָפט צו דרוקן אין איסני מיט „גאָטס הילף", איז פאַראַן איין בוך וואָס הייסט „דער בוך דער שונן גלוקן". ער זאָגט בפירוש „ספרים מייני", דאָס הייסט, אז ער האָט בדעה צו דרוקן זײַנס א ווערק און ניט קיין פרעמדן חיבור.

דאָס בוך „שונן גלוקן" איז אָנגעשריבן געוואָרן אין איינער פון זײַנע ווענע־ציאַנישע תקופות. אין דער צײַט ווען ער איז געקומען צוריק פון איסני קיין ווענע־ציע (צום דריטן און לעצטן מאָל) האָט ער לויט אַלע וואָרשײַנלעכקײַטן פאַרגעשלאָגן א ד י ל ק י נ ד ן, דעם פאַרוואַלטער פון באָמבערגס דרוקערײַ, אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך. עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אז אדילקינד האָט ניט געהאַלטן פון וועלטלעכער ליטעראַטור. אויף יידיש־דײַטש האָט ער געקוקט ווי אויף א לשון וואָס לאָזט זיך געשעפּטלעך אויסניצן, ווײַל די אשכנזים ווילן אין אים האָבן ספרי־מוסר און עשרים וארבע. דערפאַר האָט ער געפירט א ביטערן קאַמף קעגן דער וועלטלע־כער ליטעראַטור, וואָס ער האָט דעפינירט מיטן וואָרט „ראָמאַנען".

ווען אדילקינד האָט אין 1545 אַרויסגעגעבן דעם „תהילים" אין דער באַאַר־בעטונג פון אליה, האָט ער אין דער הקדמה געשריבן, אז די ספרים וואָס ער גיט אַרויס זײַנען באַשטימט פאַר פרומע פרויען און פאַר באַלעבאַטים וואָס האָבן ניט געהאַט קיין צײַט צו לערנען.

„אין מײַנער יוגנט — שרײַבט ער — האָב איך פיל קווישטליכי (טײַערע) און גראָסע ספרים העלפן דריקן, און הן אל מיינעם פליים דרוף געלעגט, אז מאן וואָל מאג זען אין אלע ספרים, די מאן האָט געדריקט אין דניאל באָמבערגס דרוקערײַ, דאַ איך בין אינען גיחתמת פאָרנען אָדער הינטן. איצונדער אז איך בין אין די עלטער געקומען, דאַ האָב איך מיר געדאַכט, ווי איך ניכס האָב געמאַכט פאַר די פרומען בחורות און פיר איטלעכע בעלי בתים די דאָ ניט האָבן צייט געהאַט צו לערנען אין אירער

יוגנט. נאָך דענאָרטער (שפּעטער), וואָלטן זיי גערן אירע צייט פאַרטרייבן
אָן אום שבת אָדער אם יום-טוב מיט לייענען געטליכע שמועות און ניט
פון ד י ט ר י ך פ ו ן ב ע ר ן אָדער פון דער שוינן גלויק".

די מעשה וועגן ד י ט ר י ך פ ו ן ב ע ר ן אָדער „זיגענאָט" איז אונדז
באַקאַנט פון דער קראָקעווער אויסגאַבע פון 1597, הגם עס האָט געמוזט זײַן אַ
פריִערדיקע אויסגאַבע. אין 1544 ווערט ער דערמאָנט אין אויגסבורגער חומש און
אין 1579 טאַדלט איינער י צ ח ק ס ו ל ק ע ס פאַר לייענען „זינדיקע בי־
כער" און דערמאָנט טאַקע דעם „דיטריך פון בערן".

דאָס בוך פון „שיינעם גליק" אָדער אפשר „דאָס גליק פון דעם שיינעם מיידל"
ווערט אויך דערמאָנט אין דעם איבערדרוק פון „בבא־בוך" (פּראָג, 1660). דאָרטן
איז שוין דער טעקסט אַ ביסל אַן אַנדערער. דער אַרויסגעבער, איינער מ ש ה
מ נ ח ם ב ן י ה ו ד ה ל י ב פון קראָקע, זאָגט צו אַ ר ו י ס צ ו ־
ג ע ב ן ד אָ ס ד אָ ז י ק ע ב ו ך. ער שרײַבט אַזוי:

„נון וויל איך ערשט רעכט צו שיקן. צו דרוקן פיל שיני שטיקן. און
דאָז בוך פון דער שין גליקן, פיל אבנטייאר וויל איך ברענגן אין דער
וועלט".

דער טעקסט באַווײַזט, אַז דער קראָקעווער פאַרלעגער האָט מסתמא ערגעץ ווו
געפּאַקט אַן עקזעמפּלאַר פון דער מעשה וועגן דעם גליק פון אַ שיינעם מיידל און
האָט עס געהאַט בדעה איבערצודרוקן.

עריק איז זיך משער, אַז אַרום 1540 (ריכטיקער: 1541) ווען עס איז אַרויס די
איסנער אויסגאַבע פון „בבא־בוך" (וואָס ער האָט ניט געזען) איז אויך דערשינען
דאָס דאָזיקע בוך. לײַדער ווייסט מען זייער ווייניק וועגן א ז א ווערק. אַז עס
איז געווען אָנגעשריבן אָדער באַאַרבעט (גיכער דאָס צווייטע) פון אליה בחור איז
ניטאָ קיין שום ספק. דערווײַל איז עס אָבער לויט עריקס ריכטיקער באַמערקונג
בלויז אַ „טויטער אות".

אַן אויספירלעכע אויספאָרשונג פון דער דײַטשישער פאָלקס־נאָוועלע אין 15טן
יאָרהונדערט וועט קענען לכל הפחות פעסטשטעלן דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן
בוך. דאָס וועט אָבער אויך דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע ווינציק וואָס העלפן,
כל זמן עס וועט זיך ניט אויפזוכן אַ געדרוקטער עקזעמפּלאַר פון דעם דריטן, לחלו־
טין־אומבאַקאַנטן ווערק פון אליה בחור. אַזוי אַרום קומט צו נאָך אַ טיטל צו דער
ביבליאָגראַפיע פון זײַנע וועלטלעכע ווערק.

עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז די ייִדישע ווערסיע פון דעם באַרימטן
קיניג א ר ט ו ר ה ו י ף, וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי פּאָפּולער און געהאַט
אויף ייִדיש עטלעכע אויסגאַבעס, איז אויך באַאַרבעט געוואָרן פון אליה בחור.

דער פאַקט גופא, וואָס דער כתב־יד פון דער דאָזיקער פּאָעמע, וועלכע געפינט זיך אין האַמבורג, האָט געהערט צום קריסטלעכן העבראַיִסט קריסטיאַן טעאָפיל אונגער, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט אליה בחורס ביאָגראַפיע, איז נאָר אַ וויכטיקער און וועט מוזן גענומען ווערן אין באַטראַכט ביים ענדגילטיקן פעסטשטעלן די מחברשאַפט. מען קען אויך ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם פּרט, וואָס „ארטוס הויף" איז געשריבן אין „אכט־געזעץ", אויף וואָס נאָר דער מחבר פון „בבאָ־בוך" און „פּאַריז און וויענה" איז געווען אַ מייסטער. אגב, הייבט זיך אָן דער טעקסט פון דער אַרטוס־באַאַרבעטונג אין „אָקטאַוואָ רימאַ" מיט דער שורה, „דער ניגן פון בבאָ־בוך טרעפט זיך דרויף גאָר עבן". דאָס מיינט, אַז דער ניגון פון „בבאָ־בוך" איז אויך זייער גוט צוגעפּאַסט צו דער פּאָעמע.

אין לעצטן סך־הכל איז אליה בחור אַ גרויסער נאָמען אין דער געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. חוץ איין ווערק וואָס איז פאַרשוווּנדן („שיינע גליקן") און אַ צווייט ווערק וואָס זיין מחברשאַפט איז נאָך ניט זיכער („ארטוס־הויף") האָבן מיר צוויי גרויסע ראָמאַנען־מאָנומענטן פון אַלט־יידיש. אַ גוטע פּאָעטישע איבערזעצונג פון די דאָזיקע צוויי ריטערלעכע פּאָעמעס אין אַ מאָדערנעם יידיש וואָלט אָן ספק די דאָזיקע ווערק נאָענטער געבראַכט צום היינטיקן לייענער. צווישן די דאָזיקע קלאַסישע ווערק און דעם היינטיקן לייענער שטייט אַ שפּראַכלעכע מחיצה, וואָס איז ניט אַזוי גרינג אריבערצושפּרינגען. זיינע גראַמען, אסאָנאַנסן, מעטאַפאָרן און וואָרטשפּילן מאַכן די דאָזיקע ווערק ניט נאָר קולטור־היסטאָריש וויכטיק, נאָר אויך ליטעראַטור־קינסטלעריש שפּאַנענדיק און לעבעדיק.

עפּילאָג

די קריסטלעכע העבראַיִסטן פון זײַן דור און דער דור וואָס נאָך אים האָבן אליה בחור באַטיטלט: „דער לערער פון קריסטנהײַט". ער גופא האָט זיך מער באַטראַכט ווי א לערער וואָס טוט עס מחמת פּרנסה. חוץ דעם האָט ער געגלויבט, אַז זײַן קאָנטאַקט מיט די קריסטן וועט זיך לאָזן אויסניצן לטובת זײַן גערודפטן פאָלק און אַז מען קען די וויכטיקע תלמידים, כמעט אַלע פון די חשובסטע קרײַזן פון דער קירכלעכער און מלוכהשער וועלט, אויסניצן פאַר שתדלנות בעת א צרה. שוין אָט־דער מערקווירדיקער צוזאַמענשטעל פון זײַנע תלמידים איז געוועזן ביז גאָר אינטערעסאַנט. זעלטן ווען האָט א ייִדישער יחיד געהאַט אַזאַ קרײַז ניט־ייִדישע מענטשן אַרום זיך. פון איין זײַט באַרימט זיך ד"ר י אָ ה א נ ע ס ע ק, דער פאַרביסענסטער שונא פון לוטער און איינער פון די שאַרפסטע דעבאַטאַנטן קעגן אים, אַז ער איז אליהס תלמיד. קיין אוהב־ישראל איז דער דאָזיקער פרום־קאַטוילישער עק ניט געוועזן.

אָט-דער עק האָט אין א בריוו פון 1536 געשריבן וועגן דעם ייִדישן פון די דײַטשע ייִדן אַזוי:

„די וווּכערישע דײַטשע ייִדן ריידן זייער שפּראַך צום ערגסטן, ווי דאָס איז מיר אויסגעקומען בפירוש צו הערן אין רוים. אליה, דער דײַטשער ייִד, האָט מיר אויפגעקלערט די סיבה פון דעם: מחמת דעם וואָס זיי לערנען ניט קיין דקדוק" (אין זײַן דײַטשן בריוו באַניצט ער דאָס וואָרט „דיקדוק" און לייגט עס אויס dickduck) (ציטירט לויט וו י־ד ע מ א נ ס ביאָגראַפיע פון עק, זײַט 618).

פון דער צווייטער זײַט שטאָלצירט מיט אליה בחור, ווי מיט א לערער, אַנדרעאַס אָסיאַנדער, א נירנבערגער פריידיקער, אָנערקענט פאַרן בעסטן העבראַיִסט צווישן פּראָטעסטאַנטן פון זײַן צײַט. ער האָט עס פאַרפאַסט די גוט־באַקאַנטע שריפט קעגן עלילת-דם. אין א בריוו, געשריבן אויף העברעיִש, האָט ער געבעטן אליהן אויפ־

קלערן אים געוויסע שווערע העברעיִשע ווערטער. עס איז פֿאַראַן אַ ידיעה, אַז דעם דאַזיקן בריוו האָט אליה אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיט זײַן תשובה און אָט צוליב וואָס פֿאַר אַ טעם. אין דעם בריוו האָט אַסיאַנדער אָנגעוויזן אויף לוטערס עם־הארצות אין לשון־קודש. אין אַ בריוו וואָס מעלאַנכטאָן האָט געשריבן (דעם 3טן אַפּריל 1545) ווערט דערציילט, אַז אַסיאַנדער האָט זיך פֿאַר אים פֿאַרטיידיקט, הלמאי ער האָט געשריבן צו אַ ייִדן אַזאַ שאַרפֿן בריוו קעגן לוטערן.

אַזוי אַרום איז אליה בחור געווען געקניפּט און געבונדן מיט ביידע צדדים פֿון דער דעמאָלטיקער רעליגיעזער באַוועגונג. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן שטרענג נייטראַל. אין זײַנע כתבים איז ניטאָ קיין שפּור פֿון אַן אָפּקלאַנג פֿון די דעמאָלטיקע לײַדנשאַפֿטלעכע וויכוחים צווישן קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן. אַפֿילו אין זײַן „תשבי" ווערן רעליגיעזע טערמינען דעפֿינירט און געטײַטשט ממש אַקאַדעמיש, מיט אַ פֿאַרזיכטיקן „יש אומרים" ווי אַ שוצמיטל.

זײַנע באַגעגענישן און באַקאַנטשאַפֿטן מיט די גדולי הדור פֿון דער ייִדישער און פֿון דער ניט־ייִדישער וועלט פֿאַרצייכנט ער כמעט אין גאַנצן ניט.

אין 1544 געפֿינט מען בײַ אים אַ נאָטיץ, וואָס איז אינטערעסאַנט. ער דערציילט, אַז ער האָט אָנגעהויבן לערנען איינעם אַ גוי פֿאַר אַזאַ און אַזאַ פּרײַז אַ חודש און אויב נאָך איינער וועט זיך לערנען אין דער זעלביקער צײַט וועט מען אים צאָלן מער. („התחלתי ללמוד בבית דן פרציסקו גוי אחד ששמו ס'יואן מריאה פעם אחת ביום לחשבון א'לט' לחודש ואם ילמוד אחר עמהם באותה ירבו שכרו").

מיט אַ באַרעכטיקטן שטאָלץ, ווײַט פֿון באַרימערײַ, רעדט ער וועגן זײַנע ווערק און זײַנע תלמידים.

> „איך קאָן אָפֿן דערקלערן — שרײַבט אליה אין דער צווייטער הקדמה צו „מסורת המסורת" (1558) — אַז ס'איז שווער צו געפֿינען אַן אַנדערן מחבר, וואָס זאָל, ווי איך, האָבן די זכיה, אַז זײַנע ווערק זאָלן נאָך בײַ זײַן לעבן אַזוי אָפֿט געדרוקט ווערן און זײַן אַזוי שטאַרק אָנגענומען בײַם לייענער־פּובליקום. מײַן נאָמען איז ווײַט באַקאַנט, הן צווישן ייִדן, הן צווישן קריסטן, און אַלע ווילן זײַ זײַן מײַנע תלמידים".

פֿאַרוואָס זײַנען קריסטן געוואָרן זײַנע תלמידים, האָט אים ניט אינטערעסירט. דער קריסטלעכער קוק אויפֿן לימוד פֿון העברעיִש האָט אים ניט געאַרט. מ ע ל אַ נ כ ט אָ ן, למשל, האָט אין 1518 געשריבן, אַז לשון־קודש איז ניצלעך, כדי צו קענען בעסער שטודירן די קריסטלעכע טעאָלאָגיע. אליה האָט געמיינט, אַז לערנען קריסטן לשון קודש וועט „מילדער מאַכן די גויים". ער האָט זיך אין דעם ביטער אָנטוישט.

י אָ ז ע ף ס ק אַ ל י ג ע ר, פּראָפֿעסאָר פֿאַר העברעיִש אין שווייץ און

שפּעטער אין האָלאַנד, שרײַבט װעגן אליהן װי װעגן דעם גרעסטן העברעיִשן געלערנטן פון זײַן צײַט. דער איטאַליענער פ ר א נ צ י ס ק אָ ס ט א נ ק א ר, װאָס איז אין יאָר 1546 געװען לערער פון העברעיִש אין קראָקעװער אוניװערסיטעט, האָט אין זײַן גראַמאַטיק פון העברעיִש, געשריבן אין לאַטײַן און אַרויסגעגעבן אַ יאָר פאַר אליהס טויט (1548), אויסגעדריקט זײַן באַװוּנדערונג פאַרן „מײַסטער פון דײַטשלאַנד".

די גרעסטע לױבװערטער מצד ייִדישע לומדים פאַר דעם „שר המדקדקים" געפינט מען אײן דעם באַרימטן בריװ פון מ נ ש ה ב ן י ש ר א ל צו אָ ל י װ ע ר ק ר אָ מ װ ע ל און אויך אין זײַן קלאַסישן בוך „מקוה ישראל" (אַמסטערדאַם, 1650) װאָס איז אויך אַרויס אויף ייִדיש (אין 1691).

רײדנדיק װעגן די גרויסע ייִדן, װאָס האָבן בײַגעשטײַערט צום װוּקס פון דער װעלט־ליטעראַטור, זאָגט מ נ ש ה ב ן י ש ר א ל בזה הלשון: „װער קען דאָס אויסרעכענען די צאָל פון אונדזערע, װאָס האָבן זיך אויסגעצײכנט דורך באַרימטקײַט און לומדות, װי למשל אליה דער מדקדק אין רוים, װאָס האָט געבראַכט אַזױ פיל כבוד און לויב די ייִדן".

עס זײַנען געװען אַזעלכע קריסטלעכע הומאַניסטן, װאָס האָבן געקוקט אויף העברעיִש װי אויף אַ „באַרבאַרישן לשון", להיפוך צו גריכיש און לאַטײַן, װאָס אין זײ, האָבן זײ געטענהט, איז ניטאָ קײן קולטור.

ל ע אָ נ אַ ר ד אָ ב ר ו נ ו ס (אַרעטינאָ) האָט אַזױ געשריבן: „לאַטײַן און גריכיש איז אַ סך װיכטיקער פאַר דער אויסבילדונג פון גײַסט, אײדער די באַרבאַרישקײַט פון ייִדן. װי קען מען בכלל פאַרגלײַכן די בקיאות פון די גריכן מיט דער רויקײַט פון די ייִדן? די ייִדן האָבן ניט קײן פילאָסאָפן, ניט קײן פּאָעטן, און ניט קײן אָראַטאָרן".

דער װיכוח װעגן העלעניזם, אוניװערסאַליזם און הומאַניזם איז אָבער צו אליהן ניט דערגאַנגען. פאַר די װאָס האָבן געהאַט אַן אינטערעס פאַר העברעיִש, ייִדן אַזױ גוט װי ניט־ייִדן, איז ער געװען און געבליבן ד ע ר ב ק י. דאָס האָט מען געזען טאַקע נאָך זײַן טויט, װען עס באַװײַזן זיך אימיטאַטאָרן פון זײַנע װערק און אפילו פּלאַגיאַטאָרן.

אין 1597 האָט אַן איטאַליענישער ייִד י ד י ד י ה ד ע ר י מ י נ י, פאַרפאַסט אַ העברעיִש־איטאַליעניש װערטערבוך צום חומש אויך אונטערן נאָמען „ספר מתורגמן".

אין 1557 האָט דער מדקדק ע מ נ ו א ל ב ן י ק ו ת י א ל פ ו ן ב נ י ו נ ט ו געשריבן אין דער הקדמה צו זײַן „לוית הן", אַז בײַ די איטאַליענישע ייִדן הערשט אַ ירידה אויף דעם געביט פון דקדוק — און דאָס איז צוליב אליהס טויט.

כמעט הונדערט יאָר שפּעטער האָט יהודה עשהאל מה־טוב, אויך אַן איטאַליענישער ייִד, געשריבן אַ לויבגעזאַנג פאַרן „שר המקדקים". אין דער הקדמה צו זײַן „כסות לבית דוד" (ווערענאַ 1646) זאָגט ער: „עד שלא יאמרו עוד המושלים שבהעלות, ה' את אליהו המדקדק הגדול בסערה השמימה נטל חלקו מהדקדוק וחלק כל ישראל עמו".

קריסטלעכע העבראַיִסטן האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך אַ גרעסערן אינטערעס פאַר אליה ווי ייִדן, מיטן אויסנעם אפשר פון די שפּעטערדיקע משכילים. אין דער ווײַטער שפּאַניע באַוויַיזט זיך זײַן נאָמען אויף אַ פּראָצעס פון מאַראַנען (1571). איינער אַ מאַראַן ווערט געמשפּט אויפן סמך פון די ספרים, וואָס מען האָט בײַ אים געפונען, צווישן זיי אויך די ווערק פון אליה לעוויטאַ. דער קירכלעכער עקספּערט פּסקנט, אַז דאָס זײַנען ווערק פון אַ לערער פון דקדוק און ניט פון אַ לערער פון די עיקרים פון דער ייִדישער אמונה, ממילא קען מען אַזאַ איינעם ניט חושד זײַן אין „יודאַיִזירן" נאָר דערפאַר ווײַל ער שטודירט אליהס ווערק.

אין אַ העברעיִשן בריוו וואָס דער ש"ך (ר' שבתי הכהן, 1663-1622) האָט געשריבן צו אַ דײַטשן העבראַיִסט וואַלענטיןווידריך (דעם 3טן פעברואַר 1660) איז צו זען, אַז דער ש"ך האָט געהאַט אַ הויכע מיינונג וועגן אליה בחור. ער שרײַבט, אַז צווישן די ספרים, וואָס ער האָט געקויפט פאַר זײַן קריסטלעכן פרײַנד, געפינט זיך „אַ קליינע מתנה, אַ חיבור, וואָס אליה בחור איז דער מחבר" (געדרוקט אין „בקורי העתים" 10, 43).

דער בשעתו זייער פּאָפּולערער קריסטלעכער העבראַיִסט קריסטיאַן טעאָפיל אונגער (1719-1671) האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אליהס ביאָגראַפיע. אין יאָר 1715 האָט ער געבעטן ר' יעקב אבוהב, דעם רב אין ווענעדיק, אַ קאָפּיע פון נוסח אויף אליהס מצבה, ווי אויך צונויפצוזאַמלען די וויכטיקסטע פאַקטן פון זײַן לעבן.

אין ווענעדיק האָט מען שוין גענוי ניט געוווּסט, ווען אליה בחור איז געשטאָרבן. דער רב שרײַבט אים, אַז „ר' אליה הלוי שר המדקדקים נפטר כבר כמו שמונים שנה ונפטר כאן ואבקש מצבתו אם אוכל ואשלח לאדון עם דברים אחרים" (אליה הלוי, דער פירשט פון גראַמאַטיקערס, איז געשטאָרבן מיט קנאַפּע 80 יאָר צוריק און איז געשטאָרבן דאָ (אין וועניעדיק) און, אויב איך וועל קענען, וועל איך אויפזוכן די מצבה און צושיקן אײַך (דעם נוסח מיט פאַרשיידענע פּרטים וועגן אים).

אין אייניקע דײַטשע אוניווערסיטעטן האָט מען אַזוי שפּעט ווי אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט געפאָרשט, איבערגעזעצט און געשריבן דיסערטאַציעס וועגן אליה בחור. אין אַלטדאָרף, למשל, האָט איינער, נאַגעל, אָנגעשריבן אַ לאַטיינישע דיסערטאַציע וועגן אליהו לעוויטאַ (1757). דאָרט זײַנען אויך דערשינען לאַטיינישע איבערזעצונגען פון זײַן „מסורת המסורת"

(1771-1758). א דײַטשער זשורנאַל אין י ע נ א האָט אין יאָר 1775 פאַר־צײַכנט א גאַנצע ריי לאַטײַנישע דיסערטאַציעס וועגן אליה בחור, פאַרשטייט זיך, געשריבן אַלע אין לאַטיין און ניט פון ייִדן.

אפילו אין פּוילן האָט מען געשריבן דיסערטאַציעס וועגן דעם ייִדישן מדקדק. אין די אינווענטאַרן פון די ביכער, וואָס קראָקעווער פּראָפעסאָרן האָבן פאַרמאָגט (סוף 16טן י"ה) געפינט מען א סך ווערק זײַנע, אין אָריגינאַל און אין לאַטײַנישע איבערזעצונגען. אין קראָקע זײַנען אויך דערשינען ייִדישע ספרים, באַאַרבעט לויט אליה בחור. אין 1603 האָט ר' י ו ס ף ב ן א ל ח נ ן ה א ל פּ ר י ן, אַן איטאַליענישער ייִד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין פּראַג, אַרויסגעגעבן א צאָל לערנ־ביכער, ווי „אם הילד" (פּראַג, 1597) מיט ייִדישן „לוח הדקדוק" (1598), און אין קראָקע גופא אַן אַנטאָלאָגיע צונויפגעשטעלט, לויט אליהו לעוויטאַס „פּרקי אליהו" א"נ „ספר קול־קורא".

די השכלה־באַוועגונג האָט אויפגעלעבט דעם אינטערעס פאַר אליהס צושטײַער פאַר דער העברעיִשער שפּראַכוויסנשאַפט און די דאָזיקע אַרבעטן פון 16טן י"ה האָבן באַקומען די פולע הסכמה פון די משכילים אין 18טן יאָרהונדערט.

אמת, מ ש ה מ ע נ ד ע ל ס אָ ן האָט אין זײַן „אור לנתיבה" (בערלין 1783) אָפּגעוואָרפן אליה בחורס טעאָריע, אַז די נקודות און די טעמים זײַנען נאָך ניט געווען פאַר חתימת התלמוד, אָבער די חשובסטע משכילים האָבן אין דעם פּרט דווקא געהאַלטן מיט אליה בחור. דער סאַמע־פּראָמינענטסטער משכיל, וואָס האָט געשריבן ווערטער־ביכער און גראַמאַטיקעס פון העברעיִש, איז געווען י ה ו ד ה ל י ב ב ן ז א ב (1811-1764). ער האָט געהאַלטן מיטן מחבר פון „תשבי" און א שפּאָר ביסל טאַקע גענאַשט פון אים גופא.

די זעלביקע מיינונג וועגן אויפקום פון נקודות האָט אויך געהאַט ש מ ו א ל ד ו ד ל ו צ אַ ט אָ (שד"ל). אין זײַן „מאמר הניקוד" (1817) האָט ער אַרויס־געזאָגט דעם זעלביקן געדאַנק, הגם ער האָט וועגן אליהס טעאָריעס נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט.

אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט האָט מען אומגעציילטע מאָל איבערגעדרוקט אליה בחורס לעקסיקאָגראַפישע ווערק. מען האָט על פּי רוב זיי געדרוקט אין משכילישע צענטערס, ווי בערלין, פּראַג, לעמ־בערג און זשאָלקעוו.

דער ערשטער חיבור פון אליה, געדרוקט אין רוסלאַנד, איז געווען דער „תשבי", וואָס איז דערשינען אין גראָדנע אין 1805.

א סאָלידן, וויסנשאַפטלעכן יסוד פאַר זײַנע פילאָלאָגישע אַרבעטן האָט געגעבן דער מיסיאָנער ק ר י ס ט י אַ ן ד ו ד ג י נ ז ב ו ר ג (געבוירן אין וואַרשע אין 1831, געשמדט אין 1846, באַזעצט זיך אין לאָנדאָן, וווּ געשטאָרבן אין 1914).

אין יאָר 1867 האָט גינזבורג אַרויסגעגעבן „מסורת המסורת" מיט אַ פּאַראַלעלער ענגלישער איבערזעצונג און אַן אויספירלעכער ביאָגראַפיע פון אליה בחור, וואָס איז, אגב, היינט שוין פאַרעלטערט. ערשט מיטן אויפקום פון דער ייִדישיסטישער פאָרשונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט בער באָראָכאָווס „ביבליאָטייק פונ׳ם ייִדישן פילאָלאָג" (געדרוקט אין ניגערס „פנקס", ווילנע 1913), הייבט זיך אָן די פאַרשאַרבעט אַרום דעם מחבר פון די ערשטע ייִדישע ראָמאַנען. אין ליכט פון זיין צושטייער פאַר דער געשיכטע פון דער אַלט-ייִדישער ליטעראַטור איז אויך קלאָרער געוואָרן זיין חשיבות פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער פילאָלאָגיע און העברעישער לעקסיקאָגראַפיע.

אליה בן אשר הלוי אשכנזי, מער באַקאַנט ווי אליה בחור, איז אַ סימבאָל פון דעם וווּקס און פון דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור. מיר שאַצן אים אַנדערש ווי אַמאָל: אונדזער צוגאַנג איז מער אין הסכם מיט דעם, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין אָפּשאַצן זיין ראָלע שטעלן מיר פעסט זיין באַטייט. ער איז ניט קיין קינסטלערישער גאון; ער איז אַ דאַטע, אַ חשובע, אַ בכבודיקע, אַ וויכטיקע, אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער קינסטלערישער ליטעראַטור.

ער איז דער בראשית נאָך וועלכן עס האָבן געקענט ערשט קומען די קלאָרע און אָריגינעלע דברים.

ביבליאָגראַפיע

1) בובער, שלמה — תולדות אליהו התשבי הוא ר' אליהו הבחור, עם הערות יקרות, לייפציק, 1865.
2) ברנשטיין, שמעון, — לוחות הבנים, חלק ב. 1935, ז' 11 (אליהם מצבה אופשריפט).
3) גאָלדבלום, יצחק — אליהו הבחור, המליץ, 1887, 280.
4) הברמן, א. מ. — תולדות הספר העברי, ירושלים, תש"ה.
5) הברמן, א. מ. — המדפיסים יצחק, יום טוב ויעקב בני אביגדור הלוי קצב מפדואה, קרית ספר, 12, 125-128.
6) ווײַנרײַך, מאַקס — שטאַפּלען, בערלין, 1923.
7) ווײַנרײַך, מאַקס — בילדער פון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע, ווילנע, 1928.
8) ווײַנרײַך, מאַקס — די ערשטע אויסגאַבע פון בבאָ־בוך און אירע זעצער, ייִוואָ־בלעטער, 2, 1931, 280-284.
9) ווײַנרײַך, מאַקס — די שוואַרצע פּינטעלעך, ווילנע, 1939 (ז' 129).
10) ווײַנרײַך, מאַקס — פּאַריז און וויענה, וואַרשעווער שריפטן, 1927/26, 17 זײַטן.
11) יאפע, יודא א. — אליה בחור, פּאָעטישע שאַפונגען אין ייִדיש, ערשטער באַנד, ניו־יאָרק, 1949.
12) מינקאָוו, נ. ב. — אליה בחור, צוקונפט, 1949, ז"ז 367-372 און 423-429.
13) סולוביטשיק, מנחם און רובשוב, זלמן — תולדות בקרת המקרא, בערלין, תרפ"ה.
14) עריק, מאַקס — די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואַרשע, 1928.
15) עריק, מאַקס — פּאַריז און וויענא", צײַטשריפט, מינסק, באַנד 2-3, ז"ז 564-571.

16) עריק, מאַקס — אַ פּאַשקוויל פון אליהו בחור, צײַטשריפט, מינסק, באַנד I, ז״ז 177-178.

17) עריק, מאַקס — װעגן אַלט ייִדישן ראָמאַן און נאָװעלע, װאַרשע, 1926.

18) פּרילוצקי, נח — װי אַזױ די רוסישע צענזור האָט געבאַלבאַטעװעט אין דעם „בבאָ־בוך״, ייִװאָ־בלעטער, 1932, 3, ז״ז 354-370.

19) צינבערג, ישראל — געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן, באַנד 4 און 6.

20) ריבקינד, יצחק — ייִדיש אין העברעיִשע דרוקן ביזן יאָר 1648, פּנקס, ניו־יאָרק, באַנד I, 1928.

21) שאַצקי, יעקב — פּאַריז און װיענה. פילאָלאָגישע שריפטן פון ייִװאָ (לאַנדוי־בוך), באַנד 1, 1926, ז״ז 187-196.

22) שאַצקי, יעקב — צו דער ביבליאָגראַפיע פון „פּאַריש און װיענה״, פּנקס, נ״י. 1928, באַנד 1, ז׳ 269.

23) שטיף, נחום — אליהו הלוים ליד „המבדיל״, צײַטשריפט, מינסק, באַנד 1, ז״ז 150-158.

24) שטיף, נחום — דיטריך פון בערן, ייִדישע פילאָלאָגיע, 1924, I.

25) שטיף, נחום — נײַע מאַטעריאַלן צו אליהס המבדיל־ליד, שריפטן 1, קיִעװ, 1928, ז״ז 148-179.

26) Bacher, W. — Elija Levita's wissenschaftliche Leistungen, Zeitschrift d. Deutschen Morgenländischen. Gesellschaft, XLIII, 206-272.

27) Bacher, W. — Zur Biographie Elija Levitas, Monatschrift, 1893, 398-404.

28) Barycz, H. — Historja Uniwersytetu Jagielonskiego, Kraków, 1935.

29) Beloch. — Bevölkerungsgeschichte del Republik Venedig. Jahrbuch für National-Oekonomie, 1899, 111.

30) Benrath, K. — Geschichte der Reformation in Venedig, Halle 1887.

31) Berliner, A. — Nachwort zu Methurgemon von Levita, Berliners Magazin, 1875, № 17.

32) Berliner, A. — Beiträge zur hebräischen Typographie Daniel Bombergs, Jahrbuch, Frankfurt a. M. 111, 293 - 305.

33) Bertolotti, A. — Martiri del libero pensiero, Rome, 1892.

34) Bömer, A. — Die deutsche Humanisten und das weibliche Geschlecht, Zeitschrift für deutsche Kulturgeschichte, IV, 97 ff. 176 ff.

35) Delitsch. — Elias Levita und die Juden in Neustadt, Ztsch f. d. Mission in Israel, III, 38 ff.

36) Eckstein, A. — Geschichte der Juden in Markgrafentum Bayreuth, 1900.

37) Frankl, P. E. — Ueber die Erbaungs-und Unteraltugslektüre unserer Altvorderen, Monatschrift 1886, 145-165.

38) Freimann, Aron. — Die hebräischen Drucke in Rom im 16 Jahrhundert, Festschrift Dr. Jacob Freimann, Berlin, 1937, 53-60.

39) **Freimann, A. — Daniel Bomberg und seine heb. Druckerei in Venedig,** Zeitschrift für heb. Bibliographie, Band 10, 1906, 32-36, 79-88.

40) **Freimann, A. — Daniel Bombergs Bücher Verzeichniss,** ib. 38-42.

41) **Frensdorff. — Aus dem Sefer Hasichronot von Elias Levita,** Monatschrift.,. 1863, XII, 96-108.

42) **Geiger, Ludwig — Das Studium der hebräischen Sprache in Deutschland,** Breslau 1870.

43) **Geiger, Ludwig. — J. Reuchlin, sein Leben und seine Werke,** Lepzig, 1871.

44) **Hirts Orientalische und Exegetische Bibliothek,** Jena 1775, 49-79.

דיסערטאַציעס וועגן אליה בחור.

45) **Hoffmann, F. L. — Elias levita und J. van Campen,** Heb. Bibliographie 1864, 42.

46) **Kaufmann, D. — Elia Menachem Chalfan on Jews teaching Hebrew to Non-Jews,** Jewish Quarterly Review, 1897.

47) **Kaufmann, D. — Die Verbrennung der talmudischen Litteratur in der Republic Venedig,** ibidem XIII, 533-538.

48) **Kaufmann, D. — DieVertreibung der Marranen aus Venedig im Jahre 1550,** ibidem, XIII, 520-532.

49) **Kaufmann, D. — Die Quelle der Fabel von Elia Levita's Taufe,** Berliners Magazin, XVII, 166-169.

50) **Kayserling, M. — Les hébraisants chrétiens du XVII Siécle,** Revue des études juives, XX, 261-268.

51) **Kretschmayr, Heinrich. — Geschichte von Venedig, Stuttgart,** 1924.

52) **Lewin, R. — Luthers Stellung zu den Juden,** Berlin, 1911.

53) **Löwisohn, Salomo. — Rabbi Elias Levita, grösster hebräischer Grammatiker und Literator des 16 Jhr.** Sulamith, 1812. 360-365.

54) **Lewysohn, L. — Einige Anmerkungen zu Levita's Tischbi,** Das jüd, Literaturblatt, 1876, Nos. 19, 20.

55) **Llorente, Miguel de la Pinta. — Proceso criminal contra el hebraista Salmantino,** Madrid, 1946.

56) **Lossen, M. — Briefe von Masius,** Leipzig, 1886.

57) **Mendelsohn, M. — Bemerkungen über Tischbi von Elia Bachur, Orient** VIII, 550.

58) **Nagel, Jo. — Dissertatio inauguralis de E. Levita,** Altdorf, 1745.

59) **Oertel, G. C. — Vita Elia Levita,** Nürnberg, 1776.

60) **Peritz, M. — Ein Brief Elia Lewita an Seb. Münster.** Mon 1894. 252 - 267.

61) **Plotke, Fritz. — Elia Levitas Kommentar zu Kimchis Sebile hadaath,** Würzburg, 1930, 50 pp.

62) **Porges, N. — Le poéme d'E. Bachure, Revue des études juives,** XXVII, 276.

63) **Rava, J. — Ebrei in Venezia,** Educatore Israelitico. 1871 - 1872, Vol. XIX - XX.

64) **Rossi. — Historisches Wörterbuch der jüdischen Schriftsteller,** übersetzt von Hamburger, Leipzig, 1838, 176 - 183.

65) **Schüler, Meier. — Beitraege zur Kenntnis der alten juedisch - deutschen Profan-literatur.** Festschrift der Realschule, Frankfurt a. M. 1928, 79 - 132.

66) **Schüler, Meier. — Das Bovo Buch,** Zeitchrift für hebräische Bibliographie. XX, 83 - 94.

67) **Schwarz, A. Z. — Zur Biographie Elia Levita's,** Archiv für juedische **Familien-forschung,** Wien I, 24 - 27.

68) **Schwob, M. — L'evéque George de Selve et R. Elie Levita,** Arch, Israelite. XXXVI, 280.

69) **Straerk W. & Leitzmann, A. — Die Jüdisch-deutsche Bibel - übersetzungen,** Frankfurt, a. M. 1923, 148 - 155.

70) **Steinschneider, M. — Die italienische Literatur der Juden,** 1900.

71) **Steinschneider, M. — Christliche Hebraisten,** Zeitschrift für hebraeische Bibliographie, Vol. 1 - 4, (1896-1901).

72) **Steinschneider, M. — Une dédicace d'Abraham de Balmes au Cardinal Dom. Grimani,** Revue des études juives, V (1882), 112-117.

73) **Stern, Moritz — Lieder des venezianischen Lehrers Gumprecht von Szczebrszyn** (1555), Berlin, 1922.

74) **Wiener, M. — Die verschiedenen Ausgaben d. Tischbi von Elias Levita,** Monatsschrift, III, 278 - 282.

Se terminó de imprimir el día 5 de Enero del Año del Libertador General San Martín, 1950, en los Talleres Gráficos de Julio Kaufman, calle Corrientes 1976, Buenos Aires.